# ראבינזאהן מיט שבת



ערשטער טהייל

# ראבינזאהן

## דיא געשיכטע פון אלטער-לעב

### איינע נאהרע אונד וואונדערבארע געשיכטע צום לעזען.

דיא געשיכטע איז איבערזעצט אין אלע שפראכן פאן דער וועלט אויך אין עברי דייטש. און יעצט האב איך צו געגעבען אכט פערשידענע פיינע בילדער וועלכע עס וועלען מאכען אויף דעם לעזער איין שטארקען אינטרעסאנטען און פערגעניגטען איינדרוק ❖

ערשטער טהייל

יוסף בן אהרן

# ווילנא

בהוצאות ובדפוס רי"ל מ"ץ נ"י.

שנת תרנ"ד לפ"ק

---

**РОБИНЗОНЪ.**

Разсказъ. Съ Виленскаго изд. 1880 г. Часть I.

ВИЛЬНА. Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ, д. № 1195/6 1894 г.

Дозволено цензурою Кіевъ. 28 Января 1894 г.



# פאררעדע

יודישע קינדער אונזערע ברידער אלע ווייסין אז אין דער גאנצער וועלט איז דער מענטש דאס שענסטע אונ בעסטע קלינגסטע אונ איידעלסטע באשעפענעש, ווייל אים האט גאט גיגעבין א נשמה וואס לעבט אייביג, אגרוים וואונדער, וויא פאר גרעבט דר גוף איז אונ וויא איידעל אונ דאלעקאטנע די נשמה איז פארהאלטין זייא זיך פארט אין איינעם אזוא פריינדליך אונ ברידערליך אז איינער אן דעם אנדערין קען זיך ניט באגיין.

אויך האט גאט אונז מענשין דעם שכל גישיינקט וואס ער בינד ביידע צו זאמען אונ האלט זייא פעסט, נאר דער שכל איז מושל איבער ביידע, אונ איבער דעם דער מענטש וואס לעבט מיט פאר

שטאנד נאך דיא היילינגע פארשריפטען , איז אימשטאנד זייא אויך
דער אונ אויף יענער וועלט גליקליך צוא דער האלטען :

ווער קען אבער בעסער פארשטיין דעם וואהרען וועג וואס
פירט אונז מענטשין צום גליקליכען לעבין , מעהר וויא דער וואס
לערינט אונ לייענט ספרים וואס שארפין דעם שכל , אונ פר בעסערין
דאס הארץ , עס איז קיין פאלק אין דער וועלט פארהאנדין וואס זיי
זאלין קענען באשטיין אן אלשון , איטליכע אומה האט איר לשון ,
אונ איטליכס פאלק האט זיינע חכמים וואס שרייבען אין זייערע
לשונות אזעלכע נוצליכע אונ שיינע ביכער אז אפילו גאר דער
געמיינער עולם פארשטייט אונ לערינט גוטע מדות שיינע מעלות וויא
מיט מענטשין צו לעבין אונ אויף ביידע וועלטין גליקליך צוא זיין .

מיר זיינען אבער אן אלשון גיבליבין אונזער קרוין איז אונז
אראפ גיפאלין , דאס היילינגע לשון וואס גאט אונ זיינע פרומע לייט
האבין גירעט פאר שטייען מיר ניט אזו וויא מען דארף . אונזער לשון
וואס מיר ריידין איז צוא זאמען גינומען פון אלערלייא לשונות וואס
מיר האבין גילערינט פון פעלקער וואס מיר זיינען ביי זייא פאר
טריבען גיוועזין אונ מיר ריידין איצונד גיבראכין-דייטש פארמישט מיט
שפאנישע איטאליענישע אלטע אונ נייע דייטשע פולישע ווערטער .

איין גרויסער פילאזאף האט גיזאגט איידער מענטשין לייטערין
דאס לשון , מאכט דאס לשון דיא מענטשין גיכער קלוג , גוט פרום
פאר שטענדיג אונ גינייט אין אלעם . דורך דעם האבין מיר אויך אונז
גענומען פון דעם געמיינעם עולם וועגין ראבינזאהן אויף געבראכין
דייטש צו איבער זעצין אונ מיר האפין צוא זיין ליבען נאמען , אז
אלע מענטשין וועלין אונז פאר דער מיהע אונ ארבייט דאנקען :

קומט נאר אהער מיינע ליבע פריינד צוא אייך צום הייזטיגען
דור ריידין מיר , מיר האבין גיזעהען אז די וועלט ווינטשט זיך אונ
ווילען פארשטיין צו לייענען , אונ שרייבין , האבין מיר פון א יערט
וועגין אזו איין וואונדערבארע געשיכטע איבער גיזעצט אונ גיב אייך
איבער אז איר וועט אליין מודה זיין אז זיא איז קינסטליך אונ
גילערינט . זיא טרייבט דאס פערביטערטע הארץ , אונ עס איז

אַתְּעֲנוּג צוּ צוּא הֶערִין , קוּרְץ אִיר הָאט נָאךְ אַזֶעלְכֶעס נִיט גֶעהַאט וִויא לַאנְג דִיא וֶועלְט שְׁטֵייט .

דִיא מַעֲשֶׂה אַלֵיין דַארְפִין מִיר גָאר נִיט רִימֶען אוּנ לוֹיבִּין , וַוייל דֶער הֶער וָואס הָאט זִיא גִימַאכְט , הָאט עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג גִילֶעבְּט עֶר אִיז אַגְרוֹיסֶער חָכָם אוּנ אַגְרוֹיסֶער מֶענְשִׁינְפְרֵיינְד גִיוֶועזֶען אוּנ אִין אַלֶע לְשׁוֹנוֹת וָואס מֶענְשִׁין רֵיידִין נָאר אִין אֵייראָפָּא אִיז זִיא אִיבֶּער גִיזֶעצְט גִיוָוארִין , זִיא לֶערִינְט

א) פָאטֶער מוּטֶער , אוּנ מְלַמְּדִים וִויא קִינְדֶער צוּא דֶער צִיהֶען, נֶעזוּנְד אוּנ שְׁטַארְק דֶעם גוּף , פְרוּם דִי נשמה צוּ דֶער הַאלְטִין.

ב) דֶעם מֶענְטְשִׁין שֵׂכֶל . וִויא אַזוֹא עֶר זָאל זַיין אֵיינֶענֶע חָקְרוּנוֹת אַלֵיין דֶער קֶענֶען אוּנ דֶעם שְׁלֶעכְטִין וֶועג צוּא פַאר וַוארְפִין .

ג) דֶעם אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישֶׁען גוּטְס אוּנ שְׁלֶעכְטְס .

ד) דֶעם רֵיינֶעם גְלוֹיבִּין אִין זַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען אוּנ אִין דֶעם אֵייבִּיגֶען לֶעבִּין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט .

ה) זִיא מָאהלְט אוּנְז אָבּ דִיא לַייט דָאס מֶענְטְשְׁלִיכֶע הַארְץ מִיט אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע אוּנ שֵׁיינֶע פַארְבִּין אַז מֶען פִּילְט דֶעם גוּטִין רֵיחַ אוּנ טַעַם זִיךְ צוּא בֶּעסֶערִין .

ו) זִיא עֶפִינְט אוּנְז אוֹיף אַוֶועלְט פוּן וָוארְהַייט , וִויא מֶען זָאל גוּט אוּנ עֶרְלִיךְ מִיט מֶענְטְשִׁין לֶעבִּין .

ז) זִיא פִּילְט אִין אוּנְזֶערֶע הֶערְצֶער מִיט בִּטָחוֹן צוּא זַיין אֵיינְצִיגֶען לִיבֶּען נָאמֶען .

ח) דֶערְקְוִויקְט אוּנְז דָס הַארְץ דוּרךְ שֵׁיינֶע פְרוּמֶע אוּנ קִינְסְטְלִיכֶע לִידֶער.

ט) זִיא וַוייזְט אוּנְז אַז גוּטְס אוּנ שְׁלֶעכְטְס זַיינֶען וִויא צְוֵייא צְווִילִינְג בְּרִידֶער וָואס זַיינֶען בַּייא אֵיין מוּטֶער , דִיא טֶבַע , זַייא זַיינֶען מִיט אַייזֶערְנֶע קֵייטִין צוּא זַאמֶען גִיבּוּנְדִין אוּנ רִינְגְלֶען אַרוּם דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט , אַז אֵיינֶער טְרֶעט אָפּ קוּמְט דֶער אַנְדֶערֶער תֵּיכֶף אוֹיף זַיין שְׁטֶעל , אִיבֶּער דֶעם אִיז נִיט פַארְהַאנְדִין קֵיין אֵייבִּיג שְׁלֶעכְטְס .

י) וִויא עֶס גֵייט דֶעם מֶענְטְשִׁין זָאל עֶר זִיךְ נִיט מְצַעֵר זַיין , נָאר עֶר זָאל זֶעהֶען קְלִינֶער אוּנ בֶּעסֶער צוּא וֶוערִין וֶועט אִים גָאט זִיכֶער

ווידער העלפין, אונ נאך טויזענטער אנדערע מעלות וואס אזעלכע בעשוות לערנען.

מיר גיבין אייך איבער דיא צווייא טייל, אונ בעטין אז מען זאל ניט דער פון פריער אפ שפעטין אונ לאכין ביז מען וועט עס זאבין אין גאנצין גילייענט, גלויבט קיינעם גיט ביז איירע אויגען וועלין זעהן אונ איירע אויהערין וועלין הערין וארין אזוי וויא דיא שטילע, נידעריגע, צוקער רויז וואס וואקסט פריש, פרעגט ניט נאך דעם גרעסטין שטורעם וויגד פרעגט ניט נאך דעם שטארקסטין רעגין דונערין בליטצין וואקסט ווייטער ווערט נאך דערקוויקט אונ שמעקט נאך זיסער אונ בעסער, אזוי פרעגין מיר ניט נאך נארעשע אונ שפעטישע גילעכטערם, וואס לוינען נור דעם נאר ארויס צוא לאזין פון מויל.

קורץ אונזער כוונה איז נור דעם גימיינעם עולם צו גיפעלין ווייל זייא דארפין אזעלכע ריינע אונ גוטע גידאנקען אונ מיר בעטין צוא גאט אזוי וויא דער נביא נחמיה זכרה לי אלהי לטובה כל אשר עשיתי על העם הזה.

אמאל איז גיוועזין אין גאליציען ניט ווייט פון דער הויפשטאט לעמבערג איין ערליכער אלטער קלוגער אונ פרומער סוחר ער איז אין אלעם וואס ער האט גיטאן אגרויסער מוצלח גיוועזין, פון אבות אבותיו האט אים גאט גיבענטשט מיט אלעם גוטין, מיט תורה מיט גדולה אונ מיט פיל גוטע אונ פרומע קינדער אונ קינדס קינדער. אויך פלעגין זיך ביי אים מערער פריינד אין זיין הויז אויף האלטין כדי זיי זאלין זיך פון אים אפ לערנען זיך אונ זייערע קינדער וויא אזוי צו דער ציהען, דער אלטער האט זיך אליין דיא מיהע גינומען זיין גאנצע פאמיליע אליין פון קינד וויים אויף ביז צו דער התונה צו לערנען תורה חכמה מלאכה דרך ארץ גוטע מדות שיינע מעלות גמילות חסד אונ מענטשינליבשאפט, זיין ליב ווערטיל פלעגט תמיד זיין, קינדער זייט גוט צוא מענטשין אונ פרום צוא גאט, לעהרינט אלעם אונ טוינט צו דער וועלט אזוי פלעגט ער זייא תמיד צוא זאגין אונ אזוי פלעגין זייא איהם תמיד צוא פאלגין, איבער דעם שטייט דאס הויז נאך ביז היינטיגין טאג אונ דארט איז אייביג דיא ברכה, דער אלטער

האט אים געזעהען וויא א מלאך פון גאט, זיין פנים האט געשיינט וויא דער שיינער מארגען שטערן זיין רעדען לויטער חן דאס גוטקייט איז איהם אין גילדענעם פנים גילעגען. מיט שכל מיט געדולד און מיט גוטין האט ער ביי זיינע קינדער און קינדס קינדער, פריינד און פריינדס קינדער אזוי פיל געווירקט, אז זייא האבען אים אלע ליעב גיהאט אהבת נפש אלע זיינען צוא אים צו גילאפען און האבען זיך גיפרייט זיין צורה פאר זיך צוא זעהען און זיין זים קול צו הערין, ער פלעגט זייא מבטיח צוא זיין אז דער מענטש וואס לעבט אזויא וויא ער לערנט זייא בדרך הישר, דער האט תמיד הצלחה און ברכה אויף דער וועלט און גרויסע תענוגים אייביג אויף יענער וועלט ער האט זייא אלע אפ געהיט פאר איין שלעכטין ווינד פון אקאלטין טרונק פון פיל עסין, קורץ אלעם אין דער מאס און זייא זיינען איבער דעם נאך איצונד געזונד און שטארק גוט און פרום; וויא ער פלעגט זיך מיט זייא פון דעם לערנען דאוונען עסין שרייבין ארבייטען און אנדערע זאכין אב צו פארטיגין, פלעגט ער ערשט מיט אלעם וויא א מלאך מיט זיין סוויטע שפאצירין צוא גיין אדער (אז עס איז ניט שיין גיוועזין) אין דער היים זיך אנידער צוא זעצין זייא אלע ארום אים וויא איין גילדענער קרויז און ער פלעגט זייא שיינע נוצליכע און קינסטליכע גישיכטין צוא דער ציילין ווייל פון דעם ווערט דער מענטש קליגער פארשטענדיגער גיניט און גיוואהרינט אין דער וועלט, און ווייסט וויא זיך מיט יענעם פריינדליך צוא פאר האלטין, מענטשין ערינערט און מיט ווארהייט ליב צוא האבין, ביי דעם דער ציילין פלעגט ער (אזוא באלד עס האט זיך נאר געשיקט) פון דער מעשה אליין דיא קינדער גרויס מוסר צוא זאגין דער נאך ווידער ווייטער דער ציילט, דיא געשיכטע ראבינסזאהן איז אויך איינע פון זיינע מעשיות, הערט צוא ליבע פריינד און געמט אייך דיא ראיה.

### א) אלטער-לעב קומט קיין לאנדאן.

אין האמבורג איז אמאל גיוועזין אפאר אלטע לייט, זיי האבין גיהאט דרייא זין, דיא צווייא עלטערע זיינען יונגערהייד גישטארבען

אונ דער דריטער דער אינגסטער איז ביי זייא אליין איין איינציג איבער געבליבין איבער דעם איז ער ביי זייא נאך טייערער גיווארין, דיא אלטע לייט האבין איהם ליב גיהאט גאר אן אפשטות זייא האבין אים אפגעהיט פאר אלעם בייזען וויא דאס שווארצאפיל פון דעם אויג, וואס ער האט נאר פארלאנגט וואס זיין הארץ האט גילוסט האבין זייא אים נאך גיגעבין קורץ זייא האבין איהם זייער פארצויגין אונ האבין אים איבער דעם גערופען אלטער-לעב.

ווער קען ניט דעם שטייגער פון פארצויגענע אונ ציטערדיקע קינדער איינער וויא דער אנדער וואקסין אלע גלייך אויף וויא ווילדע קעלבער, זייא ווילין ניט לערנען זייא ווילין ניט וויסין וואס רעכט איז, זייא ווילין ניט צו הערין קיין מוסר אונ גיוויינען זיך פון קליינווייס אויף זייער שלעכטע מדות זייא האבין תמיד פארשטאפטע הערצער אונ פאר גרעבטע קעפ, זייא האבין קיין מורא ניט פאר גאט אונ קיין דרך ארץ ניט פאר לייט, זייא האלטין קיינעם ניט בכבוד רייסין יונג אונ אלט דיא אויגין אויס אונ פאלגין קיינעם ניט בפרט אייגענע פאטער אונ מוטער, אזו באלייט שוין דיא שלעכטע גיוויינונג זייא ביז זייא ווערין עלטער אונ נאך ערגער. זייא גייט גאר קיינער אין דער וועלט ניט אן, נאר זייא האבין זיך אליין זייער ליב זייא גייען טאג אונ נאכט זייערע תאוות נאך, ליידיג גיין, שפילין אונ ארום לויפין דאס איז זייער גאנצער לעבין, אזוא פירין זייא דיא וועלט אב, אויך אלטער לעב איז איינער פון דיא לייט גיוועזין, גאנצענע טעג וואכען חדשים אונ יארין האט ער מיט ליידיג גיין פארבראכט, אווילדער יונג וואס האט זיך נאר תמיד מיט שלעכטע חברים ארום גיאגט, זיין אלטער פאטער אונ מוטער האבען פון אים צרות איבער צרות אויס גישטאנען, פארין רייטין אונ שווימען זיינען דאך גרויסע מעלות אונ איטליכער מענטש קעהר עס צוא קענען אבער ניט דיא גאנצע צייט מיט דעם צוא פאר ברייגגען, אלסדינג צוא זיין צייט איז זייער צוקער זים, דער ארעמער אלטער פאטער האט איהם פארט צו צייטין מיט גוואלד אונ געשרייא גינייט, אז ער זאל עפעס לערנען כדי ער זאל וויסין ווער

# ראבינזאהן

עֶר אִיז, עֶר הָאט אָבֶּער נָאר נִיט צוּ גִיהֶערְט, אוּנ וִויא בַּאלְד דֶער פָאטֶער הָאט אִיהם נָאר ווִידֶער נָאךְ גִילָאזְט, אָ מַיין אלטער לעב אִיז שׁוֹין ווִידֶער צְווִישֶׁען אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּנ עֶס אִיז אִיהם נָאר אַלְדִינְג אוֹיס דֶעם קָאפּ אַרוֹיס גֶעפְלוֹיגֶען. עֶר הָאט דָאס זַיינִיגֶע גִיטָאהן, וָואס מֶעהר דִיא אַלְטֶע פָאטֶער אוּנ מוּטֶער הָאבִּין אִים גִיבֶּעטִין אִיז עֶר מֶער עֶרְגֶער אוּנ שְׁלֶעכְטֶער גִיווָארֶען. גִילוֹיבְּט אִיז גָאט אלטער לעב אִיז שׁוֹין 17 יָאר אַלְט גִיווָארִין

אוּנ הָאט זִיךְ נָאךְ וַויטֶער אוֹיף גֶעפִירְט וִויא בִּיז אַהֶער, דִיא אַלְטֶע פָאטֶער אוּנ מוּטֶער הָאבִּין בַּייא אִיהם נָאר נִיט גִיקֶענְט פוֹיעֶלֶען נִיט מִיט גוּטִין נִיט מִיט בֵּייזֶען.

פוּן תָּמִיד הָאט אלטער לעב גְרוֹיס חֵשֶׁק גִיהַאט אוֹיף דֶער וֶועלְט אַרוֹיס צוּ פָארִין אִיבֶּער דֶעם וָואס עֶר אִיז עֶלְטֶער אוּנ גְרֶעסֶער גֶעווָארֶען אִיז דֶער חֵשֶׁק נָאךְ שְׁטַארְקֶער גִיווָארֶען עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶעבִּילְדֶעט אַז עֶר וֶועט נִיט קֶענֶען לֶעבֶּען בִּיז עֶר מוּז אַוֶועק אִין דֶער וַויטֶער וֶועלְט אַרַיין.

קִינְדֶער דָאס הָאט זִיךְ גֶעשִׁיקְט פַאר אַיינֶעם וָואס אִיז עֶנְטְפֶער אַחָכָם אָדֶער אַגְרוֹיסֶער בַּעַל מְלָאכָה וָואס הָאט גִילֶערְנְט קִינְצְלִיכֶע זַאכִין אוּנ גְרוֹיסֶע חָכְמוֹת וָואס פַאר שְׁטַייט אוּנ רֶעט חוּץ זַיין הַיימִישׁ לָשׁוֹן נָאךְ שְׁפְּרַאכִין אַזֶעלְכֶר אַז עֶר לָאזְט זִיךְ אִין דֶער וֶועלְט אַרַיין (אוֹיךְ אִיז נִיט גוּט, אַז עֶס אִיז נִיט צוּא אַזִיכֶערֶען תַּכְלִית) אִין דִי וֶועלְט זַייעֶר פִיל דֶער בַּייא וַויל עֶר לֶערְנְט זִיךְ נָאךְ צוּא, גִיווִינְט עֶר אוּנְטֶער דֶער וֶועגִינְס וָואס אִים פֶעלְט אִין קֶענְטֶענִים, אָבֶּער אַזוֹא אַיין נַאר וָואס וַויים נִיט פוּן זַיין לֶעבִּין צוּא זָאגֶען וֶועמֶען הָאט זַיין אַוֶועק לָאזִין זִיךְ גִינוּצְט, פֶערְד גַייעֶן אוֹיס דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן אַיין עֶק צוּא דֶער אַנְדֶערֶער אוּנ בְּלַייבִּין וַויטֶער וָואס זֵייא זַיינֶען פְרִיעֶר גִיוֶועזִין, פֶערְד בְּלַייבְּט פֶערְד.

אלטער לעב הָאט פָארְט גִיבְּרֶענְט אוּנ גִיזָאטִין נָאר צוּ פָארִין אוֹיף דֶר וֶועלְט, אַמָאל אִין זַייעֶר אַשַׁיינֶעם טָאג אִיז עֶר אַרוֹם גִילָאפִין וִויא זַיין גִיווָאוֹינְהַייט, אוּנ אִיז פַאר גַאנְגֶען בִּיז צוּם בָּארְטֶען פוּן וַואסֶער וָואס גֵייט אִין האמבורג, אוֹיף דֶעם אָרְט וואו שִׁיפֶען וֶוערֶען גיאנקערט

ערשטע טייל

גיאנקערט (דאס הייסט אן איטאליענער שיף איז אנגיבונדין איין שטיק אייזין מיט שפיצין וואס עס איז זייער שווער אזוא באלד דער שיפס קאפיטאן וויל בלייבין שטיין לאזט ער דעם אנקיר אראפ ביז צום גרונד פון וואסער דאס אייזין שטעקט זיך איין אונ דיא שיף בלייבט שטיין וויא לאנג ער וויל) , אין מערסטין לאזין זייא אראפ דעם אנקער בייא דעם בארטין וואס גרעניצט זיך מיט דער טריקעניש .

נוא דא האט ער דער זעהען זיינעם אבעקאנטען אונ פרעגט אים ליבער פריינד וויא גייט עס דיר , יענער ענטפערט אים וויא זאל עס מיר גיין , איך גייא היינט קיין לאנדאן מיין פאטער נעמט מיר היינט מיט זיך מיט , אלטער לעב שטייט אונ זאגט וואס דיר נעמט ער מיט קיין לאנדאן ? איך בעט דיר זייער שטארק נעם מיר מיט , אונ וואס דוא ווערסט אונטער וועגינס אויף מיר פערצעהרין וועל איך דיר אפ געבין מיט דאנק אז מיר וועלין ווידער צוא ריק קומען . יענער זאגט פון מיינט וועגין מעגסט דוא מיט גיין בלייב שוין דא באלד וועלין מיר זיך אוועק שיפין , אונ אלטער לעב האט באשטעלט איינעם וואס זאל זיינע עלטערין מודיע זיין אז ער איז זיך אביסיל קיין לאנדאן שפאצירין אריבער גיפארין אונ בעט אים זייער אז ער זאל ערשט אויס זאגין ווען ער וועט שוין זיין ווייט פון דער שטאט האמבורג .

אוי דער שוטה ער האט זיך גאר ניט איבער גילייגט דאס ענמות נפש וואס זיינע עלטערין וועלין דארפין האבין ער האט ניט גיוואוסט וואס פאר איין גיפערליכע סכנות מען מוז אויס שטיין אז מען גייט צום וואסער , ער האט אפילו ניט גיוואוסט אז עס איז קיין לאנדאן זייער ווייט אונ ער האט זיך איינגירעדט אז ער פארט נאר איין פאר מייל אויף דעם זיכערין קייזער שטראם שפאצירען , אונ אז ער וועט באלד צוא ריק קומען , אזו זיינען פארצויגינע קינדער , אלעס בייז גייט תמיד אויס צו זייערע קעפ אונ פון דעסטוועגין גייט עס זיי גאר ניט אן נאר זייא טוען וואס זייער הארץ גילוסט , ביידע חברים זיינען דער וייל לוסטיג אונ פריילאך , אויף דרויסען פון שיף ארוים גישפרונגען אונ וואלטין גערין גיוועזין מיט דיא ציין דער שלעפט דיא שעה אז זייא זאלין שוין אוועק .

נאך האבין דיא לייט ארום געשפרונגען , אונ דיא מאטראזין (אזוא הייסען דיא קנעכט וואס באדינען דיא שיף) , דעם אייזערנעם אנקער ווידער אויס דער טיפענעש ארויף גיצויגען די זעגיל (דאס הייסט די לייווענטענע פלאנעם) האבין זייא אויף דער שיף אויס גישפאנט זייא האבין קאנאנען אויס גישאסין , צום צייכין אז דיא שיף גיזעגינט זיך מיט דער שטאט אונ אויף איין מאל זיינען זייא מיט דער שיף צום מזל אוועק , אלטער לעב האט דער זעהען אז דיא שיף רוקט זיך ווייטער אין מיטען דיא אינדען , איז ער שיעור צו גאנגען פאר לויטער שמחה , באלד האט ער שוין דיא שטאט האמבורג פר זיינע אויגין שוין מער ניט גיזעהן אלע באקאנטע שטעטליך דערפליך זיינן אויס זיינע אויגן אלע מאל גשווינד פר שוואונדן גיווארן .

דעם אנדערין טאג זיינן זיי שוין גיוועזין אויף דעם ארט וואו דאס וואסר קומט זיך צו נויף מיטין ים אלטער לעב זעט פאר זיך ניסט נאר הימיל אונ ערד אונ וואסר עס האט אים אן גיהויבין פאר זיינע אויגין דעכט פינצטער צו ווערין אונ ער האט שוין גאר ניסט מער פאר זיך גיזעהען וויא דעם לייכט טורעם (דאס הייסט איין גרויסר טורעם וואס ווערט זייער שטארק באלייגט אויף דער קענפי היילונגעלאנד אדער העלגא לאנד האבין די המבורגיר גיבאזט אויף שטעלין אין דער הויך כדי אז דר טורעם ווערט באלייכט ניט דער טורעם אויף דעם ים ארויס זייער איין גרויס ליכט זעהען אלע שיפס קאפיטאנען אפילו אין דער פינצטערע נאכט וויא מיט זייערע שיפין זיך צו קערין אונ ווענדין אונ קענין פון טויזינדער סכנות מענטשין מציל צוא זיין) הויך דאס האט ער מער ניסט גיזעהן אונ באלד האט ער שוין דעם לייכט טורעם אויך אויס דיא אויגין ארויס פאר לארין זיין גאנצין גליק איז נאך גיוועזין אז דאס וועטער איז נאך שיין גיוועזין .

וויא דער דריטער טאג איז גיקומען איז אים זיין שמחה גאר פאר גאנגען פון אלע זייטין האט פלוצלונג אן געהויבין צו בלאזין אשטורעם ווינד דער הימיל איז אין גאנצין זייער מיט שווארצע וואלקן איבער גידעקט גיווארין אז דיא זון איז אלע מאל מער פינצטער גיווארין פאר איטליכין דונער האט ער זיך אזוי דער שראקין אז ער

האט גימיינט אז דיא וועלט פאלט איין, דיא שיף איז שיעור אויף טויזנד שטיק איין גיריסין גיווארין אונ דער שרעקליכער פראצרעגין האט פלעקיר אויף דיא קעפ גישלאגין אונ דער ווינד האט מיט דער שיף אזוי גישליידערט אונ גיווארפין באלד איז זיא ביז אונטערין הימיל אין דער הויך גיפלויגין אונ באלד ווידער ביז צום אפ גרונד פון ים איין גיזונקען געווארין.

אויף דער שיף צווישין דיא מענטשין הערט מען זייער ביטערע יאמערליכע קולות פיל יאמערין אונ קלאגין איין טייל ווינען אונ שרייען, אלטער לעב האט אין זיין לעבין ניסט גיהערט אונ ניט גיזעהען ניסט גיוואוסט ניסט גילערינט אונ גאר ניסט פאר שטאנען, איז ער פון שרעקענעס שלאף גיווארין הויבט ער אן צוא שרייען אזוי ווייא איז מיר גישעהן וואס האב איך גיטאן אן מיינע גיטרייע פאטער אונ מוטער האב איך מיך זייער שווער פאר זינדיגט, פאר וואס בין איך אזוי איין גישפארט גיוועזין פאר וואס האב איך מיינע קלוגע עלטערין ניט גיוואלט פאלגין, ווייא איז מיר איך וועל ניט מער דער לעבין זיי ווידער צו זעהן דא מוז איך שוין שטארבין, ווייא איז צו מיינע יונגע יארין יע איך האב זייער חרטה, אבער וואס העלפט עס אצונד איז שוין צוא שפעט, וויא ער שרייט אזוי הערט ער פון אלע זייטין אין דער שיף די מענטשין שרייען גרויסער גאט העלף אונז מיר-זיינען אין אגרויסר נויט אנדערע שרייען מיר זיינען אלע פאר לארין אויס אין איין אנדער ווינקעל שרייט מען ווידער-גיוואלד ווי איז אונז אונזער שיף איז דורך גילעכערט אונ די וואסערין קומען צוא פון אלע זייטין, דער קאפיטאן שרייט דער מאסטבוים איז אויף טויזנד שטיק צוא שמעטערט געווארין אונ אלע לויפין אויף זייער וואונדער, נור אלטער לעב איז פאר גרויס פחד אויף דעם רוקין הינטער געפאלין אונ איז שיעור אום גיקומען.

אלע מענטשין אויף דער שיף האבין מיט מיה פלייסיג גיארבעט מיט דר מאשין וואס הייסט די פאמפע כדי זיי זאלין פריער דאס וואסער פון דר שיף ארויס פאמפין, אונ די שיף צו דער האלטין זייער מיה אונ מאטערנעס אונ זייערע שווערע ארבעט איז גאר אומזיסט

גיווארין ווייל די סכנה איז אלע רגע גרעסר געווארין אלטער לעב אבער
ליגט ווייטער, קוים ער האט נאך געלעבט, אונ איינר קומט צו אים
זייער מיד ער רייסט אים שטייא אויף דו מנוול מיר ארבעטען אלע
ביז צום טויט אונ דוא ליגסט דיך דא גרויסער שררה, גישווינד שטיי
אויף אונ העלף אונז ראטעווען.

קוים האט ער זיך גיקאנט אויף הויבין הערט ער א שאס וויא
אויס א באמבע ארויס ווייל ער האט נאך קיין מאל ניט פאר זיך
גיזעהען אונ גיהערט אזא משונה קול, ווארין אזוי שטארק שיסט מען
נאר אז ווען איין שיף איז אין דר גרעסטער נויט כדי די איבעריגע שיפין
וואס דרייען זיך ארום אויף דעם ים זאלין דער הערין דעם שטארקין
שאס אונ אלע מעגליכקייט צו טאן, היילינדיג צו הילף צו קומען
זיי אויס דער סכנה צו ראטעווען ער האט גאר ניט גיקענט וויסין
וואס דאס באטייט ער האט גימיינט אז די שיף איז צו שפרונגען
געווארן אונ פאלט ווידער אום זייער פאר שלאפט אז אלע האבין
אים שוין פאר טויט געהאלטען אונ אין איין גילאף האט מען אים
כמעט מיט דיא פיס גיטראטין.

אין דעם האט איין אנדערע שיף דער הערט דעם שטארקין נויט
שאס אונ האבין געוואלט לויפען זיי ארויס צו ראטעווען דר פירכטליכר
שטורם ווינד אבער האט בשום אופן ניט געלאזט איין שיף צו דער
אנדערר צו קומן, אויך מיט דר פרעמדר שיף האט עס גישמיצט אונ
גיווארפען הייזער הויך. וויא דער פרעמדר זעגעל מייסטר האט גיזעהן
אז עס איז א גרויסער געפאהר האט ער זיך גישווינד מיישב גיוועזין
אונ האט צו זיינע לייט אזו גישריען, קינדער נעמט אייך גאט צו הילף
יענע אום גליקליכע מענטשען צו ראטעווען מיר זיינען מחויב פאר
זייא זיך אונזער לעבען איין צו שטעלין אויף דעם אויפען האט דער
איינציגער גאט אונז מענטשין באשאפין כדי מיר זאלין איינער דעם
אנדערין העלפין אונ אונטער שטיצען, בפרט אין איין נויט, דורך דיא
זיסע מענטשליכע ווערטער זיינען אלע אויף געשפרונגען בינדין אפ
א קליין שיפיל פון דער גרויסע שיף זעצין זיך עטליכע געשיקטע
לייט אריין אונ רודירין געשמאק צוא יענער גרויסער שיף צוא.

אַלַאנְגֶע צַייט הָאט ֶעס גִיוָוערְט בִּיז נָאט הָאט זִיךְ מְרַחֵם גִיוֶועזִין, אוּנ דִיא פְּרֶעמְדֶע זַיינֶען אִין נָאמְס נָאמֶן צוּ יֶענֶער שִׁיף צוּ גִיקוּמֶען גְרַאד צוּ דָר רֶעכְטֶע צַייט הָאט דֶער גְרוֹיסֶר שְׁטוּרֶם וְוינְד אַיין בִּיסִיל נָאךְ גִילָאזְט דָאס פְּרֶעמְדֶע שִׁיפִיל הָאט זִיךְ קָאם גְלַייךְ גִיקָאנְט אוֹיף דֶעם וַואסֶר דָר הַאלְטִין אוּנ מִיט גְרוֹיסֶע מִיה זַיינֶען זַייא פָּארְט נָאהֶענְט צוּ גֶעקוּמֶען אוּנ אַרִיבֶּער גֶעוָוארְפֶען זַייעֶרֶע שִׁיפְּשְׁטְרִיק אַז זַייא זַיינֶען פוּן דֶער גְרוֹיסֶע שִׁיף צוּא גֶעצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען, וָואלְטִין זַייא גִיוֶועזֶען זִיךְ נִיט אַזוֹ גֶעאַיילְט וָואלְטִין דִיא פְּרֶעמְדֶע אוֹיךְ גִיוֶועזִין אַיין גִיזוּנְקֶען גֶעוָוארֶען פוּן אַיין גְרוֹיסֶען חְוַואלִי וָואס אִיז דֶעם פְּרֶעמְדֶען שִׁיפִיל נָאךְ גֶעלָאפֶען נָאר אַיין צוּא שְׁלִינְגֶען.

וָוער ֶעס הָאט נוּר הֶענְד וָוער ֶעס הָאט נוּר פִּיס גֶעהַאט זַיינֶען פוּן דָר גְרוֹיסֶער שִׁיף אַרוֹיס גֶעלָאפִין זַייעֶרֶע זַאכֶען מִיט גֶענוּמֶען וָואס מֶעגְלִיךְ אִיז גִיוֶועזִין, אוּנ אִין קְלֵיינֶעם שִׁיפִיל אַרַיין גֶעשְׁפְּרוּנְגֶן אלטער לעב אָבֶּער הָאט זִיךְ נָאךְ נִיסְט גִיקָאנְט אוֹיף הוֹיבִּין פוּן זַיין קְרַאנְקֶען גִילֶעגֶער זַיינֶען צוּ אִים גֶעקוּמֶען דִיא פְּרֶעמְדֶע מַאטְרָאזִין אוּנ פַּאר רַחֲמָנוּת הָאבִּין זַייא אִים אִיבֶּער גִיטְרָאגֶען אִין אַקְלֵיינֶעם שִׁיפִיל אַרַיין.

קוּים זַיינֶען זַיי מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם שִׁיפִיל אַוֶועק הָאבִּין זַייא מִיט אֵייגִינֶע אוֹיגִין צוּ גִיזֶעהֶן וִויא יֶענֶע זַייעֶרֶע גְרוֹיסֶע שִׁיף אִיז אוּנְטֶר גִינַאנְגִין בִּיז זִיא אִיז אִין גַאנְצִין אִין יַם אַיין גִיזוּנְקֶען גִיוָוארֶען גָאט הָאט גִיהָאלְפִין אוּנ זַיי זַיינֶן לְשָׁלוֹם צוּ דֶר פְּרֶעמְדֶר גְרוֹיסֶער שִׁיף צוּ גִיקוּמֶען.

דֶער פְּרֶעמְדֶער זֶעגֶעל מַייסְטֶער הָאט דִיא אָנְגֶעקוּמֶענֶע פְּרֶעמְדֶע מֶענְטְשֶׁען זַייעֶר שַׁיין צוּ גֶענוּמֶען עֶר הָאט זַייא גְרוֹיס פְּרַיינְדְשַׁאפְט בַּאוִויזִין, אלטערלעב הָאט זִיךְ דָר וַוייל אֵיינְצִיג וַוייס דֶרְמָאנְט אוּנ הָאט זִיךְ צְווִישִׁין אַלֶע אַנְדֶערֶע זַיינֶע האמבורגר לַייט זֵייעֶר גִיפְרַייט אוּנ פַּאר וואוּנְדֶערְט אַז פְּרֶעמְדֶע אוּמְבֶּעקַאנְטֶע מֶענְטְשִׁין הָאבִּין זַייעֶר לֶעבִּין זִיךְ אַיינְגִישְׁטֶעלְט פוּן מֶענְטְשִׁינְס וֶועגִין וָואס זַיי הָאבְּן זַיי אִין זַייעֶר לֶעבִּין נִיט גִיקָאנְט, אוּנ הָאבִּין זַייא פָּארְט אַזוֹ וואוּנְדֶערְלִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.

עיקר שכחתי אִיךְ הָאבּ אַייךְ פַר גֶעסִין צוּ דֶער צַיילֶען אַז דִיא פְּרֶעמְדֶע גְרוֹיסֶע שִׁיף אִיז גִיוֶועזִין אַיין טֶערְקִישֶׁע פוּן דֶעם וְוינְקֶעל אַזֶען אוֹיס דֶער הוֹיפְּט שְׁטָאט סמירנע דִי האמבורגער הָאבִּין זִיךְ אוֹיס

גירוט אונ האבין גרויס נחת גיהאט פון דעם ליבליכין גוטין טערקישין זענעל מייסטער, בפרט וויא ער האט מיט זיינם איין גימיינעם שיפס קנעכט איין שיינעם וויכוח געהאט איהם צוא באווייזין אז נור מענטשען ליבשאפט האלט אלע מענטשין אין איינם אונ גאר מענשין פריינדשאפט דר האלט דיא גאנצע וועלט ביא זאמען איז מען מחויב יענעם אויס דער נויט צוא העלפען אונ יענער מעג זיין וועער ער וויל גלויבין אן וועמען ער וויל אונ גיין אן גיטאן וויא ער וויל.

איין גימיינער שיפס קנעכט פאר בייגט זיך פאר דעם זענעל מייסטער אונ פרעגט אים מיט דרך ארץ ליבער הער וויא פאלט מען אויס צוא ראטעווען איין שיף אדער מענטשען וואס זיינען ניט אונזערע ברידער וואס זייא גלויבען ניט אן אונזער גאט.

דר זעגעל מייסטר ענטפערט אים מוז מען דען נור קענען זיינע לאנד מענשין. גאר קענין מענשען וואס האלטען אונזער גלויבען אונ גייען גאר אזו וויא מיר אן גיטאן? מוז מען דען נאר קענען זעלכע מענשען קענין ברידער זיך גוט באווייזען אונ קענען פרעמדע ניט?

דער קנעכט זאגט יוא אזו מיין איך מענטשין אויס דער נויט מציל צו זיין מיט אלסדינג צו העלפין מיט אלעם אין דער וועלט צוא אונטער שטיצען איז זייער רעכט מיר זיינען עס אפילו מחויב צו טאן, אבער צו פרעמדע פון איין אנדערע מדינה פון איין אנדער לשון אונ פון איין אנדערען גלויבין וייס איך ניט אויב מען דארף.

דער זעגיל מייסטר זאגט שטיל דו נאר גייא לאז דיך ניט אויס לאכין עס איז מער ניט פאר האנדין וויא נור איין איינציגער גאט אונ נאר ער האט די גאנצע וועלט אונ אונז אלע מענטשן אין דער וועלט באשאפין ער האט גאר קיין שום חילוק ניט גמאכט צווישן איין מענטש אונ דעם אנדערין איינער זאל דעם אנדערין פון גאנצין הארצען מיט אלע מעגליכקייט אויס איין סכנה ארויס העלפין אונ אונטר שטיצין.

אלע האבין דעם גוטין מענטשין אן גיקוקט מיט טרערין פאר לויטר שמחה, זיי עסין טרינקען אונ אונטער האלטין זיך צווישין איין גאנד מיט טאנצין זינגען אונ שפרינגען האבין זיי ווייטער געשיפט אונ מיט זייער איין רוהיג שטילין ווינד, זיינען זיי אין עטליכע טעג געקומען

קיין לאנדאן , וויא זיי האבין גיזעהען די יבשה האבין זיך אלע זייער גיפרייט אונ גידאנקט פאר דעם גרויסין נס וואס גאט האט זייא דורך גוטע מענטשען אזיא וואונדערליך פון דעם טויט מציל גיוועזין .

ב) אלטער לעב ווערט אסוחר אונ לאזט זיך אוועק קיין
גואינעא אין אפריקע , ער קומט אויס קיין בראזיליע אין
אמעריקא , דיא שיף גייט אונטער :

אין לאנדאן האט אלטער לעב קיין גישעפטען ניט געהאט ער איז אינאלע גאסעןאַרום גילאפען אין אלע שטראזין זייער פיל קינסטליכע אונ וואונדערליכע זאכין געזעהען אז ער האט גאר אן די צרה וואס ער האט ביז אהער אויס געשטאנען פאר געסין .

זיין מאגין האט אים ערסט גימאנט דר מאנען אז ער איז הונגעריג אז ניט וואלט ער אפילו פאר געסין אויב אלעבעדיגער מענטש דארף עסין ווען ער וויל לעבין , ער לויפט צוא דעם באקאנטין שיפערס זון אונ בעט אים ער זאל זיך איבר אים דער בארעמען אונ געבין געלד , אדער צו עסין , דר וייל האט אים דר אלטער אומגליקליכער שיפס-קאפיטאן דר זעהן אונ האט אים אביטערין שווארצין סוף געמאכט , ער זאגט צו אלטער לעב דוא נארישער יונג דוא ווילדער יונגאץ איך זאל גיוועזען וויסען אז דו פארסט אויף מיין שיף און דעם וויסען פון דיינע עלטערין וואלט איך דיך בשום אופן ניט מיט גענומען , וייל דורך דיין פארזינדיגען קעגין דיינע עלטערען זיינען מיר אלע אונ אונזער שיף צו גרונד גענאנגען דער קאפיטאן איז אזו אין כעס ארייין געקומען אז דאס מעסער וואס ער האט געהאלטען איז אים פאר פאר-דראס אויס דער האנד ארויס געפאלען .

וויא דער שאסין איז אלטער לעב שטיין געבליבין אונ האט זיך זייער גישעמט זיין פנים אויף צוא הייבין , דער הערליכער קאפיטאן האט אויף אים תיכף ווידר רחמנות באקומען אונ האט אים מיט גוטע ווערטער צו גענומען אונ האט אים אזו געזאגט מיין קינד וואס איז געוועזען איז געוועזען עס איז שוין פאר פאלין נאר זעה דיך צוא בעסערען הער מיין מוסר פאר נארף גיסט מיינע ווערטער , גייא פריער עסין אונ זעה דיר תיכף אנעלעגענהייט וואס שיפט ווידער

צוריק קיין האמבורג פאר אהיים ווארף דיך אנידער פר דיינע עלטערן ביז זייא וועלין דיר פאר געבען וואס דוא האסט קענען זייא געטאן גלויב מיר איך בין עלטער אונ געניטער , איך וויים אז כל זמן דער מענטש האט ניט פון גאנצין הארצען חרטה פון דעם וואס ער האט שלעכטעס געטאן איז אים זיין לעבין פאר ביטערט אונ עס קען אים גאר ניט דער גיין , אזוא באלד אבער ער האט יוא חרטה אונ טוט שוין מער קיין שלעכטס ניט , אונ בפרט דיא מענטשען וואס מען האט קענען זייא געזינדיגט זיינען אויך מוחל העלפט גאט , גאנץ זיכער פאלג מיין גוטע עצה אונ דוא וועסט זעהען אז עס וועט דיר נאך אויף דער וועלט גוט גיין .

דער שיפס־קאפיטאן זאגט אים ווייטער דוא ווייסט מיין קינד אליין זייער וואזל וויא אומגליקליך איך בין גיווארין מיט דעם וואס מיין שיף איז מיר אונטער געגאנגען עס מוז נאך לאנג דויערין ביז איך וועל מיר קענען העלפען ווידער אהיים צוא שיפען דאס געלד איז ביא מיר זייער טייער אונ וויל דיר פארט העלפען איך גיב דיר אויף הוצאות אהיים גייא פריער עסין אונ זוך דיר תיכף אהיים אשיף זייער שווער לוגט דיין זינד וואס דוא ביסט באגאנגען קענען דיינע אלטע עלטערין , גייא האב חרטה פאר דיך בעסער אהיים אונ גאט וועט דיר דער צוא העלפין :

ער גיט אלטער לעב ענגלישע מטבעות אונ וויל זיך מיט אים גיזעגענען , אלטער לעב אבער איז אים ארויף גיפאלין אויפין האלדז אונ האט אים גיקושט פאר גרוים גיוויין האט ער קאם גיקענט דאס מויל עפינען אונ זאגט ליבער העד איך מוז אייך דעם רעכטען אמת זאגין , ווען איך וואלט אליין מיט מיינע אייגענע אויגין ניט גיזעהען וואלט איך עס גאר ניט גלויבין , איר זאלט קענין מיר אזוא ליבליך אונ ברידערליך זיין , אייער גיטרייע עצה אייער מוסר איז צוקער זים . איר נעמט אייך אן וויא אניטרייער פאטער קענין זיינע קינדער געלד איז ביא אייך איצונד וויא איין אויג אין קאפ אונ מיר שיינקט איר עס אויף הוצאות אהיים , וואס זאל איך ריידין וואס זאל איך זאגין , דער פאר זאג איך אייך מיין ליבער הער צו אז פון היינט אן

וועל איך קענין אלע מענטשין אזוא גוט זיין וויא איר קענין מיר •
זעט נאר וויא דער שיפסקאפיטאן האט דא אלטער לעב אמת
מוסר גיזאגט אונ האט אים נאך מיט געלד אונטער געשטיצט , איר
וועט ווייטער הערין אז עס איז אים גאר ניט אן גיגאנגען אונ האט
זיך ווייטער אוועק גילאזין , לעת עתה גיזעגינט זיך אלטער לעב מיט
דעם שיפסקאפיטאן אונ מיט זיין חבר ער גייט אוועק אונ איבער די
גאנצע וועג טריקענע זייגע אויגין גיט פאר ביטערע טרערען וואס
ער האט גיוויינט פאר בושה ווייל ער האט זיך פאר זיך אליין גישעמט
אונ דיא טובות וואס דער קריסט האט קענין אים נאר אומניריכט
גיטאן האבין אים גאר ניט גיקענט פון קאפ ארויס , ער פרעגט זיך
אליין פאר וואס האב איך ביז היינטיגין טאג גימיינט אז קריסטען
האבין אונז פיינד היינט האב איך מיר ערשט איבער גיצייגט אז זייא
זיינען גוטע מענטשין אונ טוהען אונז גרויס גוטס וויא איין ברודער
אן דעם אנדערין אונ איך וויל גיט זיין כפוי טובה •
איבער דעם וועג קלערט ער ווידער אהיים צו פארין , אבער
וואס וועלין מיינע חברים זאגין , אין לאנדאן צוא זיין אונ גאר ניט
פאר זיך צוא זעהען, זייא וועלין אויס מיר לאכין אונ שפעטין וואס
איך בין אזוא גישווינד צוריק געקומען , צווייטינס האב איך מורא
פאר מיינע עלטערין , איך וועל האבין פון זייא אסוף , ווייל איך בין
אוועק אן זייער ווייסען •
וויא ער גייט אזוי ארום אין גידאנקען באגעגינט אים איין אנדער
שיפסקאפיטאן אויס גואיגעא וואס עס ליגט אין דעם חלק וועלט וואס
הייסט אפריקא ער מאכט זיך מיט דעם נייעם קאפיטאן באקאנט אונ
האט בייא אים אויס גיפארשט אז ער זעגילט באלד אפ אויך דער
נייער קאפיטאן איז אזוי גוט גיוועזין קענין אים אונ האט אים גיבעטן
צו זיך אויף דער שיף ארויף אז ער זאל בייא אים טרינקען אגלעזיל
טייא , אונטער וועגינס פרעגט ער ווייטער דעם קאפיטאן אויס אויב
ער וויל אים מיט נעמען אונ.קיים האט ער דאס ווארט יא גיהערט
האט ער שוין ווידר גיברענט פר חשק נאר ווייטר זיך אוועק צו לאזין •
דער קאפיטאן זאגט אים מיין קינד עס וואלט בעסער גיוועז

 ווען

ווען דוא וואלסט ריידין ענגעליש, עס איז אפילו ניט שיין אלשון נאך צוא ריידין אונ ניט גרונדליך פאר שטיין, נאר פון דעסט וועגין וועל איך דיר דאס איבעריגע צוא לערנען, קום מאך דיר פארטיג מיד פארין באלד.

אונ אלטער לעב איז שטיין געבליבען גלייך וויא אדונער וואלט אים דער שלאגין, זיין הארץ איז אים פאר שטיינערט גיוועזין דאס בלוט איז אים אין פנים ארויין גיקומען פאר בושה פאר חרפה וואס ער האט זיך פאר זיך אליין גישעמט, ערשטינס פאר דעם וואס ער טוט ווייטער קעגין זיין ארעמע פאטער אונ מוטער, אונ צווייטינס זיינען אים נאך גישטאנען פאר דיא אויגען דיא זיסע ווערטער דיא גוטע עצה פון ערליכען קאפיטאן, נור זעט וואס דר זינדיגער מענטש איז אין דעם געבליבען אויגענבליק וואס ער וואלט געהרין אהיים פארין האבין זיינע נארישע תאוות איבער אים אזו מתגבר גיוועזין אז ער האט אן זיין אייגינער בושה אן זיינע עלטערין אונ אן דיא ווערטער פון דעם ערליכין קאפיטאן געשווינד פאר געסין אונ מיט נחת אונ תענוג דעם נייעם קאפיטאן גיבעטין ער זאל אים מיט נעמען אין דער ווייטער וועלט ארויין.

קוים איז ער צוא דער נייער שיף צו גיקומען זעט ער אז אלע גייען אין שטאט אריין איין קויפין וויא ער פרעגט וואס איז דאס ענטפערין אים די מאטראזען דאס זיינען סוחרים זייא קויפין איין קליינינקייטין קינדער שפילכעל אונ נארישקייט אונ פיהרין דאס קיין אפריקא נעמען זייא ביי דיא שווארצע מוהרין פאר אייזערנע העפ שלעכטע פעריל שלעכטע קארעלין שיינע גלעזערנע שערבלאך שערעלאך אונ מעסערלאך, שטויב קערינדלאך אונ גוטע שטיינער. קורץ דאס שטויב איז לויטער גאלד דיא שטיינער זיינען אבנים טובות זייער טייער אונ פארדינען טויזענד מאל אזוי פיל וויא פיהר זייא קאסטין דיא סחורה אין ענגלאנד.

אונזער אלטער לעב גאר אן איבערלייגונג לויפט געשווינד אויך אין שטאט אריין אונ בריינגט אויס דאס גאנצע געלד וואס יענער קאפיטאן האט אים גיגעבין אויף הוצאות אהיים, אויף

נארעשקייט ער מאכט זיך שוין אַרייכע בייטיל האָפּט שוין איין
עושר צוא ווערין נעמט אַלץ צוא זאַמען אונ לויפט געשווינד צום
שיף ווייטער צוא פאָרין .

אַזוי וויא אַלע רשעים פאר ווארפין קלוג מוכר אונ אכת
תוכחה אַזוי ווי אַלע שוטים פתאים טוען אַלעס געשווינד אָן שכל
אָן איבער לייגונג אַזוי האט אלטער לעב אויך געטאָן .

ניט לאַנג האט עס גידויערט אונ אַלע זיינען מיט דעם נייעם
שיף פון לאנדאן אַוועק גיזעגעלט מיט זייער אַגוטין ווינד איבער דעם
וואסער וואס גייט אין לאנדאן אונ הייסט דיא טעהמזע . אין דער
התהלה האבין זייא זיך גינומען אויף דער גארדזע דאס הייסט אויף
צפון זייט פון דארט ווידער קיין מערב זייט ביא קאַלאַם פארבייא
דורך דעם קאַנאַל אונ פון דאַנען זיינען זיי אויף דעם ים הגדול דאס
הייסט אַטלאַנטישעס וועלט מעהר גיקומען , איצונד האבין זייא זיך
ווידער קיין דרום זייט צוא דיא אינזלען וואס הייסין קאַנאַרישע
אינזלען אומגיוועגט אונ דארט שטיין גיבליבין .

דארט וואַקסין דיא שענסטע קאַנאַרקעס וואס זינגען זייער
קינסטליך אַלע קענפּים אויך די קענפּי מאַדאַרא וואס דער זיסער וויין
וואס הייסט מאַדערע וויין וואַקסט קיין פארטוגעזין , צום ערשטין מאל
וויא אַלטער לעב איז אַרויס גיגאַנגען אויף דער יבשה אונ האט זיך
אַביסעל אַרום גיקוקט אויף אַלע זייטען האט אים די אויגין פאר בלענט
פון דיא הויכע פולע אונ שיינע זאַנגען פון אַלערלייא תבואות, גרויס
גרייכע אונ שיינע בוימער מיט אַלער האַנד פירות צוקער ראהר דאס
הייסט באַזשטענגיל וואס מען מאכט דער פון צוקער .

קורץ וויא ווייט זיינע אויגין האבין נאר גירייכט האט ער
גיזעהען אַסאך בערג אַזוי וויא אַקייט צו אַנאַנד גישלאָסין פון דיא
בערג זיינען דיא זיסע וויינטרויבין אַראפּ גיהאַנגען, אין גאַנצין האט
דיא קענפּי אוים גיזעהען וויא אַשיינע כלה וואס גייט גאלד אונ
פעריל באַהאַנגען, דאס הארץ איז אים איבער גיגאַנגען , אונ דער
קאפּיטאן האט זיינע לייט דאס דער לויבעניס גיגעבען אַז זיי מעגין
עסין אונ טרינקען וויפיל זייא ווילין , אַלטער לעב האט זיך אָן

גיטרונקען מער וויא מען דארף, דארט ווערט דער ווין גאנץ אנדערש וויא אין אונזערע לענדער גימאכט .

דיא דאקטורים זאגין אז אלע שארפע משקות זיינען פר קינדער אונ פאר יונגע לייט זייער שעדליך ווייל זייא ווערין פון דעם טרינקען פאר קריינקט , נאר ווייל אלטער לעב איז אבער פון יונגענדוויים אויך גיוואוינט גיווארין שארפע משקות צוא טרינקען , האט ער איצונד אויך צוא פיל גיטרונקען אונ איז לוסטיג גיווארין אונ פרעגט דעם נייעם קאפיטאן וויא לאנג עס וועט נאך דויערין ביז זיי וועלין ווייטער אוועק ער האט גיהערט אז עס מוז נאך ווייניגשטענס איין טאג דויערין דאס האט אים גאר ניט גישמעקט ווייל ער האט ניט גיקענט איינזיצין זיך אויף איין ארט איינהאלטין אונ איז טרויעריג ארום גינאנגען .

נאך איז ער פאר מישט אין גידאנקען ארום גינאנגען אונ זיך גיוואונטשין פליגיל צו האבין אונ אין דער וועלט צוא פליען האט אים שוין גאט איין דריטין קאפיטאן באשערט אויס ליסאבאן דיא הויפט שטאט פון פארטוגאל וואס איז גישטאנען שוין גאר פארטיג נאר אוועק צוא ניין קיין בראזילען אויך מיט סחורה , דא איז אלטער לעב מיט דעם שיף קאפיטאן בעקאנט גיווארין , אונ האט מיט אים אפ גירעט קיין בראזיליען צוא פארין .

אלטער לעב לויפט גישווינד צוא ריק יענעם קאפיטאן אונ זאגט צו אים זייט גיזונד איך דאנק אייך זייער דער פאר וואס איר האט מיר ביז אהער מיט גינומען אונ אויס גיהאלטין , נאר איך מוז אייך דעם אמת זאגין , דארט גייט איין שיף קיין בראזיליע וויל איך מיט אים שיפין , דער קאפיטאן האט איהם גיענטפערט מסתמא איז מיר מער קיין שלעכטס ניט באשערט , מיין קינד איך בין דער פון זייער צוא פרידין , אז איך ווער פון דיר פטור וויא דוא! האסט דיינע עלטערין גרויסע צרות אן גיטאן אונ ביסט זייא מקצר ימים האט אויף מיר דיא הויט גיציטערט איך זאל דורך דיר ניט האבין איין שווארצין סוף , גייא מיין קינד איך ווינטש דיר גליק אויף דעם וועג פאר לשלום . פאר גרויס נחת ווייטער צו פארין האט ער זיך גיאגט צו דער נאייער שיף דא האבין זיך אלע גיפאקט אונ האבין זיך ווייטער געשיפט .

גאטס גבורה האט אלטער לעב גיזעהן, ווארום אין איין קורצער צייט וויא זייא זיינען גיקומען צו דער קענפי טעגערוס האט מען פון דארט ארויס גיזעהען דעם שפיץ פון דעם העכסטען בארג וואס מען רופט אים פוק, ער האט זיך ניט גיקענט איין האלטין צוא ויינען פר שמחה וייל ער האט גיוואוסט אז עס איז שוין זייער שפעט אין דער נאכט עס איז שוין אומעדום גאנץ פינצטער גיוועזין, אונ יענער שפיץ בארג וואס ער איז דער העכסטער אין דער גאנצער וועלט איז נאך אזוא ליכטיג גיוועזין וויא אין שיינעם העלין טאג, גלייך וויא עס וואלט גיברענט איין גרויסע הבדלה.

אין דיא עטליכע טעג וואס זייא זיינען מיטין גוטין ווינד אונ אן אשום מכשול גיפארין האט ער איין גבורה גרעסער פון דער אנדערער גיזעהען, פיש וואס הייסין פלוס פיש וואס האבין לאנגע פלוס פעדערין אונ פליהען איבערין וואסער גלייך וויא זייא וואלטין פליגלען גיהאט זייא בלישטצען וויא זילבער אויס דער טעסט אונ לייכטין וויא דיא פינקעלדיגע שטערינדלאך עטליכע וואכען האט עס אזו גידויערט מיט שפילען מיט לאבען מיט טאנצין אונ פרייען האבין זייא זיך פון איין ארט צום אנדערען גירוקט:

איין מאל איז אן גיקומען איין ווינד מיט אזויא איין שטורעם מיט אזויא איין כעס וואס האט דעם ים אונטער גיבלאזען אז דיא חוואלים האבין גישוימט אונ גיזאדין וויא אזידענדיקער טאפ זעקס טעג נאך איינאנד האט דער ווינד איין גערישן אונ דיא שיף איז אזו פר ווארפין גיווארען אז דער קאפיטאן האט אליין ניט גיוואוסט וואו זייא זיינען אין דער וועלט, דעם זיבעטען טאג פריא פאר טאג האט ערשט איין שיף קנעכט דר זעהען דיא יבשה אונ האט גישריען טריקענעש טריקענעש אונ אלע זיינען וויא משוגע ארום גילאפין פר נחת פאר תענוג, פאר פינטשטערט איז זייער לאבין געווארען ווארום אין דעם אויגען בליק וואס זייא זיינען פון דער גרויסער סכנה ניצול געווארען האט עס מיט דער שיף אן דער זייט איין טולעץ גיגעבען אז אלע וואס זיינען נאר אין דער שיף גיזעסען זיינען אנידער גיפאלין אונ אויף דער ערד טויט גילעגין, דיא שיף האט זיך אן איין פעלזין

אָן געשטויסען אונ איז אזוא פאר שפרונגען אז זיא איז אזוא ווייט אין זאמד שטעקען געבליבען.

דיא וואסערין האבין פון אלע זייטען צוא געשלאגען אז מען האט מורא באקומען ענטפער אויף טויט איין גיזונקען צוא ווערען, אדער פון דעם שארפין שטורעם וואסער אוועק גישלעפט צו ווערען אלע זיינען אנטלאפען אין דער קאיוטע, דאס הייסט די שטיבער וואס אויף דער שיף איז דא, אונ מען האט מער ניט גיהערט פון אלע זייטען פון אלע ווינקעלאך נאר וויינען שרייען יאמערען אונ קלאגין, איטליכער באזונדער האט שוין ווידוי געזאגט אונ האבען נאר געווארט אויף דער לעצטער שעה, אטהייל זיינען שוין פאר שרעק גיוועזען וויא מתים, אטהייל האבען דיא הענד געבראכען, אלטער לעב איז מעהר טויט וויא לעבעדיג גיוועזען.

דאס שיפס פאלק האט דער הערט אז דיא שיף איז צוא שפרונגען, אונ זייא האבין מער קיין האפענונג ניט ניצול צו ווערען פאר שרעק זיינען אלע קעפ אויף קעפ גישפרונגען, אונ האבין אויף געשווינד פון דער גרויסער שיף אקליין שיפעל אב געבונדען אונ זיינען דרינען ארײן גישפרונגען, דאס קליינע שיפיל האט אבער ניט גיקענט אזו פיל מענטשין דער טראגין, בפרט דער שטורעם ווינד האט נאך זייער שטארק איין געריסען אז דאס שיפעל האט זיך ניט גיקאנט אויף דעם וואסער גלייך דערהאלטען אונ אלע האבען צוא גיזעהען באשיינפערלאך אז זייא מוזען דער טרונקען ווערין, מיט אלע כוחות האבין זייא גערודערט כדי זייא זאלין זיך פארט ביא דעם לעבין דער האלטין עס האט אבער ניט געהאלפען.

וואריין וויא זייא זיינען שוין באלד ביים טרוקענעם לאנד גיוועזען, איז איין קוואל וואסער אונטער גילאפען וויא איין בארג גרויס, אונ האט זייא איבער גיאנט נור די שיפיל מיט די מענטשין איין צוא שלינגען, זיי האבין פאר דער שרעקענעש דעם רודער פאר לארין איז די שיפיל ווידער פאר שפרונגען אין מיטען ים אריין, אונ האט זיך ארום גידרייט וויא אשיף אן ארודער, אן שטעג אונ אן וועג, דיא וואסערין האבין דיא שיפיל מיט די מענטשין צו נעדעקט

אונ אום גישטירצט , אונ אלע מענטשין זיינען אויף טויט דר טרונקען גיווארין , אלטער לעב איז מיט זיי איין גיזונקען גיווארין אונ איז טויט גיווארין , איין גוטע נאכט ליבע קינדער , אז מיר ווילין דער לעבען מארגין וועל איך אייך ווייטער קינסטליכעס דער ציילין .

נ אלטער לעב ווערט פאר ווארפין אויף איין וויסטער קענפי ער לויבט גאט ער באקומט הערינג אונ אקליינע דירה .

אלע מענטשין וואס מיט זייא האט זיך גיטאן צוא זייגען זייא דער טרונקען גיווארין צוא ניט , וויים מען ניט, נאר דאס ווייס מען אז אלטער לעב איז איין גישלונגען פאר טראגין אונ איבערין וואסער אריבער גישליידערט גיווארין , אין דאס פליהען האט ער זיך אן איין פעלזין אזו שטארק אן גישלאגין אז דורך דיא יסורים האט ער זיך פון חלשות דער מינטערט , אונ פון דעם טויט ווידער אויף גיוועקט ער איז אזוא גילעגין אונ האט זיך קוים גיקענט רירין אשטעבעניש אין דער זייט האט אים אן גיהאפט ער האט ניט גיקענט אפ אטהעמען וויא ער האט ביסלאך ווייס דיא אויגין גיקענט עפינען האט ער ערשט אליין ניט גיוואוסט צוא ער לעבט אדער ניט אזו וויא אווארים איז ער אין זאמד גיקראכין אונ האט זיך גיקוועלט פאר יסורים ביז ער האט זיך מיט כוח אויף גישטעלט וויא ער האט גיוואלט פרובין איין פוס צוא שטעלין איז ער פאר מידיקייט ווידער אום גיפאלען אונ איז גיבליבין האלב טויט ליגען .

ער איז אזו עלענד גילעגין אצייט , אונ ווילע ער האט גיפאכט מיט דר מיתה וואס האט אים דאס אבער גיהאלפין , אייבינ דא ליגין איז קיין תכלית גיט ער האט זיך מיישב גיוועזין פארט אויף צוא שטיין , קאם מיט לייד האט ער זיך ווידער פון דר ערד אויף גיהויבען וויא ער קוקט זיך אום פאר דעקט ער זיך דאס פנים מיטביידע הענד אונ שרייט ליבער גאט וואו בין איך דא פאר ווארפען גיווארין , וואו איז די שיף אונ דאס פאלק וואו איז דאס קליינע שיפיל , אלע דער טרונקען , ווייא מיר גישעהען , ווייא מיר , פינטשטער איז מיר אין מיינע אויגין , אט שווימען נאך דיא ברעטער פון די שיף וויא אזוא בין איך אהער גיקומען וואס איז דאס פון אזו פיל מענטשין בין איך

אליין בין לעבען געבליבען נאך מוז עפעס מיינען מיט מיר . איך אליין האב נור דיא זכיה צוא לעבען דאס מוז עפעס באטייטען . פאר גרויס פחד אונ שמחה איז ער אנידער געפאלען אונ ביידע הענט צום הימעל אויס גישטרעקט אונ צוא נאך געבעטען אונ געלויבט אונ געדאנקט פאר דעם גרויסען גאט וואס ער האט איהם ווידער באוויזען אונ צווישען טויזענד מענטשין נור אים אליין ביים לעבען דער האלטען .

וויא ער האט זיך אביסעל דער פרישט אונ צוא זיך געקומען זעצט ער זיך אנידער אונ רעט צוא זיך וואס פאר איין ראט וואס פאר איין עצה זאל איך מיר געבען אויף מיר איז רעכט אז איך בין מיר אליין אין מיינע אלע אומגליקען שולדיג .

אוי וויא טויב בין איך גיוועזען פאר דיא היילינע ווערטער פון מיינע ליבע אלטע עלטערין , וויא בלינד בין איך גיוועזען פאר דעם שכל וואס דער ערליכער קאפיטאן האט מיך געלערינט אוי איך בין זייער פרעך אונ שלעכט געוועזען פון קינד ווייס אויף .

אזוא איז תמיד דער סוף פון איין גישפארטע מענטשין ווייל בשעת מען לערינט זייא אונ ווארינט זייא מיט שכל זיינען זייא קיין מבינים נישט דער נאך אז עס גייט זייא שלעכט אויס ווער איז מער שולדיג וויא נור זייא אליין אלע פאטער אונ מוטער האבען זיכער זייערע קינדער ליב אונ עס ווענט זיך נור אן דער ערציהונג , דאס הייסט אויף וועלכען אויפען דאס קינד ווערט אויף געצויגען , דער ציהט מען עס מיט שכל איז מה טוב דער ציהט מען עס וויא אבהמה בלייבט עס אייביג וויא איין בהמה ווילד , אונ אום פאר שטענדיג , נור וויא אזוי קען דאס קינד איין מבין זיין אונ זיך תמיד איבער ציינען אז דאס וואס עלטערין טוהען זאגין אונ לערנען איז זייער רעכט אונ זאל זעהען זייא צוא פאלגין .

אלטער לעב שלעפט זיך אויף , שטעלט זיך אין אווינקעלע אונ באטראכט זיין עלינדען שטאנד באלד ווארפט ער זיך אליין פיר זיינע זינד אונ זאגט רעכט איך האב דאס אלץ פערדינט אונ

בַּאלְד טְרֵייסְט עֶר זִיךְ אַלֵיין אַז נָאט הָאט אִיהם דָאס לֶעבִּין גִישֵׁיינְקְט, וָועט עֶר אִיהם אַוַודָאַי דֶער צוּא הֶעלְפִין , אוֹיךְ עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גִינוּמֶען נִישְׁט מֶער צוּא זִינְדִיגִין אוּנ אַז עֶר וֶועט זִיךְ תָּמִיד שׁוֹין פְּרִיהֶער גוּט אִיבֶּער צַייגְן אֵיידֶער עֶר וֶועט אַגִישֶׁעפְּט טָאן אוֹיב דֶער שֵׂכֶל חַייסְט אַזוֹי טוּהֶען אוּנ אוֹיב עֶס אִיז אַזוֹי פַאר גָאט אוּנ לַייט רֶעכְט .

דִיא הָאר אִין קָאפּ הָאבִּין אִיהם גִישְׁטָאכִין עֶס הָאבִּין אִים דִיא גְלִידֶער גִיצִיטֶערְט וִויא עֶר הָאט זִיךְ אוּם גִיזֶעהֶען פוּן אַלֶע זַייטִין אוּנ הָאט מֶער גִישְׁט גִיפוּנֶען וִויא נוּר הִימֶעל עֶרְד הַיים זַאמְד וְוִיסְטִי פֶעלְדֶער וְוִילְדֶע בֵּיימֶער אוּנ נִישְׁט אַיין אֵיין-צֵייכִינֶעשׁ פוּן אַמֶענְטְשׁ וִויא עֶר הָאט זִיךְ מְשַׁעֵר גִיוֶועזִין אַז דָא מוּזֶען וִוילְדֶע חַיּוֹת זַיין אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶערְס וִוילְדֶע מֶענְטְשִׁין דָאס הָאט אִיהְם צוּם אִיבֶּערִיגֶען דֶער שְׁלָאגֶען .

רֶעכְט הָאט אלטער לעב גִיהַאט וַוייל וִוילְדֶע מֶענְטְשִׁין דָאס הַייסְט מֶענְטְשִׁין וָואס הָאבִּין גָאר קַיין גְלוֹיבִּין נִישְׁט זַייא הָאבִּין קַיין שֵׂכֶל נִישְׁט זִיךְ לִיבּ צוּ הָאבִּין בַּייא אַנַאנְדֶער צוּא לֶעבִּין בּוֹיעֶן קַיין הַייזֶער נִיט אַקֶערִין אוּנ זֵייעֶן נִישְׁט קַיין פֶעלְדֶער פְלַאנְצִין נִישְׁט קַיין גֶערְטְנֶער זֵייעֶן אָן בּוּשָׁה נַאקִיט וִויא זַייא זַיינֶען בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין דֶער גֶערִין זִיךְ מִיט גְרָאז אוּנ קְרַייטֶער פְּרֶעסִין פְלֵיישׁ רוֹיעֶרְהֵייט אוֹיךְ לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשִׁין בְּרָאטִין זַייא אוּנ פְּרֶעסִין זֵייעֶר פְלֵיישׁ אַזֶעלְבֶּע מֶענְטְשִׁין זַיינֶען טוֹיזִינְד מָאהל עֶרְגֶער מֶעהר אַכְזָרִים וִויא חַיּוֹת רָעוֹת פַאר דִיא מֶענְטְשִׁין הָאט עֶר נָאךְ מֶער גֶעצִיטֶערְט .

דִיא זוּן בְּרֶענְט דָארְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אלטער לעב אִיז שִׁיר אוּמְגִיקוּמֶען פַאר דָארְשְׁט אִין דֶעם הֶערְט עֶר גִישְׁט וַוייט פוּן זִיךְ אַיין פְּרִישִׁין קְלָאהְרֶען קְוַואל וַואסֶער רוֹישֶׁען הֶעל אוּנ לִיכְטִיג וִויא קְרִישְׁטָאל מִיט בֵּיידֶע הֶענְט אִיז עֶר צוּ גֶעלָאפֶען אוּנ מַאכְט עֶרִינְסְט אַבְּרָכָה אוּנ טְרִינְקְט אוּנ דֶער קְוִויקְט זִיךְ אִין אִיטְלִיכֶען אֵבֶר עֶר זָאגְט מִיט פֶער וֵויינְטֶע אוֹיגֶען וֶוער עֶס פַאר לָאזְט נִישְׁט אַוֶועקְמֶעל פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד דֶער וֶועט מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַאר לָאזִין .

עֶר הָאט גָאר נִישְׁט אַזוֹי חֵשֶׁק גִיהַאט צוּם עֶסִין וִויא זִיךְ נִגר

אויס צו רוהען ווייל עס האט אים אין אלע גלידער גיבראכין ער האט פאר מידעקייט ניט גיקענט אויף דיא פיס שטיין דיא נאכט איז צו גיפאלין אונ ער פרעגט וואו זאל איך נעכטיגען קיין הויז איז דא נישט פאר האנדין אונטערין פרייען הימעל האב איך מורא פאר חיות רעות פאר ווילדע מענטשין ער האט גימוזט אויף איין בוים ארויף קלעטערין אונ וויא איין פייגעלע אין וויסטען וואלד אונטער דעם פרייען הימעל נעכטיגען ער זעצט זיך אויף איין ברייטער צווייג לעגט זיך אן לייענט קריאת שמע אונ ווערט גישמאק אנטשלאפין . וואס עס טוהט זיך מיט דעם מענטש ביים טאג גייט איהם פאר אין חלום ביי נאכט .

וויא עס קומט אין שלאף מאכט דער חלום אויס דעם אלעם אפפארשטעלונג אונ עס דאכט זיך יענעם אז ער טוט אוועק וועלטין גישעפטין דער עהרליכער מאן וואס האט קיין מאהל נישט קיין שלעכטס אין זינען איז דער חלום נישט קיין בייז אז דער מענטש ווייסט אבער ביי זיך זיינע שלעכטע גידאנקען איבער דעם קענען זייא נישט רוהיג שלאפין אונ פאר דעם מינדעסטען חלום שרעקין זייא זיך אונ מיינען אז דיא צייט איז גיקומען זייא צו באשטראפין פאר זייער שלעכטס שרעקין זיך פאר אבייזין חלום .

קוים איז אלטער לעב איינגישלאפין דאכט זיך אים אז זיינע אלטע פאטער אונ מוטער שטייען פר אים מיט איין איינגיפאלענעם פנים זייער גאנצער קערפער איז איינגישרונפין אונ האבין וויינענדיג דיא הענט גיבראכין אונ גיאמערט אוי וויא אונזער אלטער לעב אונזער איינציגער געליבטער קינד לעבט ער נאך ווער ווייסט אויב ער האט מיט וואס דעם טאג איבער צוא לעבען פאר וואס האבען מיר איהם אזויא פארצויגען וועמען ווער אונזער עהרליך פאר מענין צוא טהיילט ווערין , קינד קינד מיר זיינען דיר מוחל וואס דוא חאסט קענין אונז גיטאן גאט וועט דיר עס אויך נישט רעכענען מיר בעטין דיך זייער קום שוין אהיים .

דער קאלטער שווייס האט איהם באגאסין ער רעט אויס דעם שלאף מיינע ליבע גיטרייע עלטערין איך האב אויך חרטה איר זייט

נאר מענטשען פארגיבט מיר ערינסט מיינע זינד גאט וועט מיר געוויס מוחל זיין עס דאכט זיך איהם אז ער נעמט זייא ארום אונ וויל זייא קושין דער וייל בייגט ער זיך איבער אן דער זייט אונ פאלט אראפ נאר וייל דאס גראז איז זייער געדיכט גיוועזען האט ער זיך נישט פיל גיטאן.

אויס פארכט פאר ווילדע חיות האט ער גימוזט גישווינד ווידער אויף דעם בוים ארויף אונ אויס פארכט פאר אבייזין חלום האט ער מעהר קיין אויג צו גיטאן אונ איז דא זיטצען געבליבען ביז דיא שיינע זון איז ווידער אויפגיקומען ער זאגט צוא זיך אליין דער מענטש איז קיין מלאך נישט אומגיגעסען קיין באשעפעניש לעבין וואס וועט מיין ביטער תכלית זיין וואס איז דער מענטש אן מענטשין וויפיל יגיעות האט דער מענטש אליין איי ער האט אשטיקעל ברויט צוא עסען אקערען זייען שניידין זיפין קנעטין אונ באקען וויא זיינען דיא כוחות פון איין מענטש אליין ווען פיל מענטשען זיינען אין איינעם אונ איין חברה געפינט מען שוין דאס אלץ דינג פארטיג וייל איינער העלפט דעם אנדערען וואס מען ווינשט זיך נאר צוא האבען קען מען אלץ דינג באקומען איבער דעם מעג מען אייך מקנא זיין אייך מענטשען אין אייראפא גליקליך זייט איהר אבער איך איין מענטש אליין וואס קען איך טאן.

ער גייט אראפ פון בוים אונ זוכט עסינווארג ער געפינט אבער נישט מער אויף דער וויסטער קענפע נאר ביימער אהן פירות אויך דיא ביימער קומען זייער שטארק צוא נוטץ וייל זייא הייסין דארט דיא קאמפישע ביימער אז מען קאכט דאס הארץ אין וואסער ווערט דרויס אלערלייא פארבען איהם האט דאס אבער נישט נעטויגט אונ צווייטענס האט ער קיין סוחרים נישט געהאט.

פאר הונגער שטארבין איז דער ביטערסטער טויט אלטער לעב זוכט נאך וייטער מיט זייער פארוויינטע אויגען אויב ער וועט נישט נאך וואס עס איז געפינען ער קוקט צום הימעל אונ דער זעהט איסטרויב אין דער הויך פליהען וויא ער האט אלאנגען פיש גיטראגין פאר שמחה האבין זיך איהם דיא טרערען געגאסען ער האט איין

גִיזָעהָען אַז נָאט הָאט אִים אַצַייכָען בַּאוִויזִין וָוער עֶס לָאזְט מֶענְטְשֶׁען לֶעבִּין דֶער שְׁפַּייזְט זַייא אויך , עֶר פַאלְט אַנִידֶער פַאר גָאט אוּנ זָאגְט

וָוער דֶעם פוֹיגִיל אִין דֶער לוּפְט דֶער נֶעעָהרְט .
וָוער אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענִישֶׁען דָאס לֶעבִּין בַּשֶׁעהרְט .
דֶער וָועט אויך מִיר שְׁטֶעג אוּנ וֶועג בַּוייזִין ׃
אויך מִיךְ מִיט אַלֶעם גוּטֶען שְׁפַּייזֶען ׃
אוּנ וָוער עֶס הָאפְּט צוּא גָאט דֶעם גְרוֹיסֶען ׃
דֶער וָוערְט פוּן אִים קֵיין מָאהל גִישְׁט פַארְשְׁטוֹיסִין .

אַזוִיא הָאט עֶר גֶעזוּנְגֶען מִיט זַייעֶר אַשַׁיינֶעם נִיגֶען אוּנ אִיז אַזוֹא פְרֵייהלִיךְ גֶעוָוארֶען אַז עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען קֵיין מָאהל מֶעהר נִישְׁט אָן דֶעם בִּטָּחוֹן צוּא זַיין לִיבֶּען הֵיילִיגֶען נָאמֶען צוּא פַאר גֶעסִין עֶר גֵייט מִיט קוּרַאז זוּכְט אוּנ גֶעפִינְט צְוִוישֶׁען דֶעם זַאמְד הֶערִינְג נֶענוּג עֶס הָאט אִיהם שׁוֹין זַייעֶר בַּיים הַארְץ גִינָאגְט אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גָאר דֶער קְוִויקְט אוּנ זָאגְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט עֶרְשְׁט גֶעזוּנְגֶען וָוער עֶס הָאפְּט צוּא גָאט דֶעם גְרוֹיסֶען דֶער וָוערְט פוּן אִיהם קֵיין מָאהל גִישְׁט פֶערְשְׁטוֹיסֶען .

דִיא נַאכְט אִיז שׁוֹין גִידֶער צוּא גֶעפַאלֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְטִין צוּ לֵייגֶען פַאר וִוילְדֶע חַיּוֹת אָדֶער מֶענְטְשִׁין זַיין בִּיטֶערֶער מעמד אִיז אִים פַאר זַיינֶע אוֹיגֶען גֶעשְׁטַאנֶען עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹא פִיל אַיינְגִירֶעט אַז דָא מוּזֶען וִוילְדֶע חַיּוֹת זַיין אַז עֶס הָאט זִיךְ אִיהם גִידַאכְט אַז עֶס שְׁטֵייט אִיהם קֶענֶען אִיבֶּער אַווִילְדֶער פִירְכְטֶערְלִיכֶער גְרִימִיגֶער לֵייבּ דָאס מויל וִויא אַבְּרֶענֶעדִיגֶער קַאלְךְ אוֹיבֶען אָפֶען אוּנ דִיא אוֹיגֶען אַרוֹיס גִילוּנְט אוּנ גִישְׁפְּרִיצְט מִיט פַייעֶר נוּר אִיהם צוּרַייסֶען .

אִין דֶער אוֹיגֶענְבְּלִיק וִויא עֶס הָאט זִיךְ אִיהם אַזוֹא גִידַאכְט הָאט עֶר גְוַואלְד גִישְׁרִיעֶן אוּנ פוּן זַיין אַייגִין גִישְׁרֵייא הָאט עֶר זִיךְ וִוידֶער דֶער מָאנְט אוּנ אִיז צוּא זִיךְ גִיקוּמֶען אוּנ הָאט פוּן זִיךְ אַלֵיין גִילַאכְט וִויא וַוייט עֶר הָאט זִיךְ פוּן זַיינֶע פַאלְשֶׁע גִידַאנְקֶען גִילָאזְט פַאר פִירִין אוּנ זָאגְט וָואס הָאבּ אִיךְ מִיךְ דָא אַזוֹא מצער צוּא זַיין מַיינֶע אַלֶע זָארְגִין וָועל אִיךְ מַיין פָאטֶער דֶעם אַיינְצִיגִין גָאט אִין

קאפ אריין וואַרפין ער ער ווייסט מיר וויא צוא העלפין ער ווייגט אונ זינגט ווייטער ·

ווער עס וויל אויף אגוטען גרונד בויען ·
דער מוז מיט בטחון אלץ דינג נאט גיטרויען ·
ווער עס האפט צו גאט תמיד אונ נישט נאר זעלטין ·
דער איז גליקליך אויף ביידע וועלטין ·

וויא אלטער לעב האט אויף זיין ביטער הארץ די זיסע ווערטער גיזונגען האט ער ווייניגער גיזארגט אונ זיך גיטרייסט אונ זוכט זיך איין ארט וואו ער זאל זיך קענען באווארענען פאר ווילדע מענטשין אונ חיות רעות אין גאנצין ווען האט ער ווייטער פאר זיך נישט גיזעהען וויא גראז קרייטער ווילדע ביימער אונ וויסטין וואלד ·

ער זעט ווידער אהויכין שיינעם שפיץ בארג מיט אלע פיר קריכט ער קוים ארויף פון דארט האט ער זייער ווייט אונ ברייט גיקענט ארום קוקין ער האט גיציטערט וייל ער האט מער פאר זיך נישט גיזעהען וויא הימעל אונ וואסער אונ נאך אפאר קליינע קענפים באנץ פון ווייטענס ער ווייגט זייער יאמערליך אוי וויא איצונד ערסט זעה איך מיין אומגליק פר מיינע אויגין איך בין גאר אליין אפ גישניטין פון מיינע עלטערין וויא איז עס גאר מעגליך אמאל צו זיי צו קומען, אין דעם וויא ער ווייגט אזוא איבערשלאגט ער זיך אליין די רייד אונ זאגט איך בין ווערט גישטראפט צוא ווערין וייל איך בין אגרויסער חוטא ער ווייגט אונ יאמערט אונ טרייסט זיך ·

דער הונגער האט אים ווידער זייער גיפרעסט אונ ער האט היינט גאר נישט גיקאנט באקומען פון דיא אוסטערין הערינג וייל עס איז גראד דאס געוויסער איבערען בארטען גישטאנען ער גייט אהיים לייענט ערינסט קריאת שמע אונ לייגט זיך הונגעריג שלאפען ·

דיא שטראלען פון דער זון ברענען דארט זייער שרעקליך אזוא איז ער אפ גיברענט גיווארין אונ דארשט האט אים שרעקליך גיפלאגט, ער האט נאך איין מאל פריש וואסער געטרונקען אונ איז אויף דעם בוים גיקלעטערט אונ איז הונגעריגער הייט איין גישלאפען ·

דורך דעם נויט האבין מיר מענטשין זייער פיל שכליות אלע

חכמות אַלֶע וויסִנְשַׁאפְט אוּנ אַלֶע קוּנְסְטִין הָאט אוּנְז נָאר דִיא לִיבֶּע נוּיט גִילֶערִינְט אַלֶע זַאכִין וָואס אִיךְ וָועל אַייךְ דָא אוֹיס רֶעכֶענֶען אִיז נָאר דֶעם נוֹיט צוּא פַאר דַאנְקֶען וַוייל תיכף וִויא דִיא מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ אָן גִיהוֹיבֶּען צוּא מֶערֶען אוֹיף דֶער וָועלְט אוּנ הָאבֶּען גִיזָארְגְט פַאר זֵייעֶר בַּאדֶערְפֶענֶעש הָאבֶּען זֵייא מִיט שֵׂכל אַזוֹ לַאנְג נָאךְ גִיקְלֶערְט בִּיז זֵייא זַיינֶען אוֹיף דֶעם פָּארְטְהַייל גֶעקוּמֶען. דוּרְךְ פַארְשְׁטַאנְדִיגֶע עֵצוֹת אוּנ אַלֶערְלַייא תחבולות זִיךְ דָאס צוּא שַׁאפִין וָואס זַייא הָאט גִיפֶעלְט שׁוֹין אַזוֹא פוּן אֵיין מדריגה צוּ דֶער אַנְדֶערֶער גִינַאנְגֶען בִּיז דִיא זַאךְ אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען שׁוֹין הֶערְלִיךְ קְלוּג גוּט אוּנ נוּטְצְלִיךְ.

א) פוּן דֶעם אַקֶערִין אִין פֶעלְד (עבודת האדמה) דֶער חכם וצדיק נח אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער גִיוֶועזִין וָואס הָאט אוֹיס גֶעטְרַאכְט דִיא אַלֶע כלים וָואס זַיינֶען זֵייעֶר גוּט צוּם אַקֶערֶען אוּנ אִין פֶעלְד צוּא אַרְבַּייטֶען דוּרְךְ דֶעם הָאבֶּען דֶער נָאךְ אַלֶע מֶענְטְשֶׁען זִיךְ מִיט בְּרוֹיט זַאט אָן גֶעגֶעסֶען אוּנ דָאס אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע וָואס הָאט דֶעם מֶענְטְשִׁין מציל גִיוֶועזִין פוּן דֶעם הוּנְגֶער וַוייל אַטֵייל הָאבֶּען גֶעאַקֶערְט אַטֵייל גִיזֵייעֶט גִישְׁנִיטֶען גִימָאלִין גִיקְנֶעטֶען גִיבַּאקִין אוּנ גִיקָאכְט דָאס אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ עֶרְשְׁטֶע אוּנ נֵייטִיגְסְטֶע בַּאדֶערְפֶענֶעשׁ וַוייל אָן מֶעל אִיז קֵיין תּוֹרָה, אָן פֶעלְד אִיז מֶען גָאר קֵיין מֶענְטְשׁ נִישְׁט, אָן בְּרוֹיט, אוֹיךְ פְלַאנְצְט מֶען וַויין גֶערְטְנֶער אוּנ אַלֶערְלַייא קְרַייטֶער.

ב) דָאס בּוֹיעֶן אַבִּנְיָן וִויא דִיא עֶרְשְׁטֶע מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען דִיא הוּנְגֶערְס נוֹיט דוּרְךְ אַרְבַּייטֶען גֶעשְׁטִילְט הָאט זֵיי דִי נוֹיט גִיצְוואוּנְגֶען פַאר מוֹרָא פַאר ווִילְדֶע חַיוֹת אוּנ מֶענְטְשִׁין וַוייל זֵייא פְלֶעגִין זִיךְ אוֹיף צוּ הַאלְטִין נָאר אִין וָועלְדֶער אוּנ שְׁטֵיינֶערְנֶע פֶעלְזִין אוּנ גְרִיבֶּער דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט זֵייא גִילֶערִינְט בּוֹיעֶן הָאט גִיהֵייסִין יבל בן למך דֶער נָאךְ הָאבִּין זֵייא דִיא בּוֹיא קוּנְסְט אַזוֹי וַוייט גִיבְּרַאכְט דוּרְךְ חָכְמָה אוּנ שֵׂכֶל אַז זֵייא פְלֶעגִין זִיךְ צוּ בּוֹיעֶן הַייזֶער הֵייף פְלַאצֶען שְׁלֶעסֶער אוּנ טוּרֶעמְס גְרוֹיס אוּנ בְּרֵייט שֵׁיין אוּנ קוּנְסְטְלִיךְ בִּיז זֵייא הָאבִּין ווִידֶער גִיפוּנֶען:

ג) דִיא חָכְמָה דִיא מֶעשְׁטִין (המדידה) אִין מצרים זֶענִין דִיא

ערשטע חכמים גיוועזן וואס האבין דיא קונסט אום מערסטעטן אויס גיטראכט אונ דורך דער חכמה האט מען אלע טיילען פון דער וועלט אויס גימאסטעטן איטלעכען זיין חלק אפ גיטיילט אין פעלד אודר אין שטאט וועלדער וואסערען אונ אלע בערג ווערען געמאסטין ׃

ד) די באקליידונג (המלבושים) וויא דיא מענטשן האבען שוין געהאט דיך זאט אן צוא עסין אונ שיינע וואוהנונג האבען זייא פאר נויט פאר גרויסע קעלט אונ היטץ פאר ווינד רעגין אונ דונערס גמוזט קליידער מאכען פריהער האבין זייא געמוזט שפינען נארבין אונ וועבין מאטעריעס מאכין קליידער צוא שניידען אונ אויף נייען ׃

ה) חכמת הרפואה צום ערשטין פלעגט מען אין מצרים אזוי צוא טאן אזוי באלד איינער איז קראנק געווארען האט מען דעם קראנקען מיט דעם בעט פאר דער טיר אנידער גישטעלט אונ ווער עס איז נאר פאר ביא געגאנגען אודער געפארין האבין זייא געמוזט זאגין רפואות כדי אים צוא העלפין מען האט זייא לאנג געפרובט ביז איין רפואה האט געהאלפין האט מען עס תיכף אויף געשריבין מען זאל עס געדיינקען אום ווידער דיא רפואה ביא איין אנדערין צוא געברויכין אונ אזוי איז דיא חכמה גיוואקסין ביז עס איז אצונד מעגליך טויזינט ערלייא קראנקהייטען וואונדען צוא היילען, פון אייבינע צייטין זיינען אין דער גאנצער וועלט יהודים גרויסע געשיקטע דאקטורים גיוועזין ׃

ו) דאס נאך קלערען אונ נאך פארשטין אין דער נאטור (חכמת הטבע) איז דורך דיא רפואה גיקומען ווייל אלערלייא קרייטער בשמים אונ בלומען האט מען גימוזט דער קלערין צו וואס עס קומט צו נוטץ אונ וואס פאר איין פעולה עס האט גיטאהן דאס האט דער צוא גיבראכט אז מען האט באזונדערע שולען גימוזט אויף בויען אונ דיא גרויסע חכמים לערנען דיא יונגע לייט דיא חכמה דיא טבע צוא קענען פון איטליכען באזונדער אונ אין איין ווענס קען מען פאר שטיין אונ זעהען וויא גרויס נאטם כח איז אונ וויא קיינער קען איהם גישט דער פארשטען אונ נאך קלערין ׃

ז) דיא קונסט צו ריידין (הדבור) וויא דיא מענטשין האבין זיך שטארק פאר מערט האבין זייא פאר לאנגט אין איינעם צו זיין אין גיזעלשאפט ביא זאמען צוא זיצין אונ איינער האט פון דעם אנדערין טובות פער לאנגט אזוא האבין דיא גרעכטע חכמים איין שפראכע אויס גיטראכט אז דיא מענטשין זאלין זיך צווישין זיך קענען לייכט פערשטיין , נאך האבין אלע לשונות כללים אונ גיזעצע זייער לשון מיט חן אונ מיט זיסקייט צו ריידין אונ מיט זייער איין שיין לשון למודים על פי דקדוק אונ וויא איין קינסטלער וואס שפילט הערליך אויף איין כלי זמר אזוי שמועסין זייא אונ ריידין זייער זים אונ שיין •

ח) דיא קונסט צו שרייבין (הכתב) אזוא וויא ריידין איז נייטיג אזוי איז נייטיג צו שרייבין כדי דער מענטש זאל זיך פון איין שטאט אין דער אנדערער אריין אזוי קענען צוא פאר שטיין געבין וואס ער וויל אונ וויגשט גלייך ער האט מיט יענעם גישמועסט האט מען אויך כללים דקדוקים אונ גיזעטץ גימאכט אז דאס כתב זאל שיין אונ פערשטענדיג זיין , אויך שרייבין אלע גרויסע חכמים זייערע גידאנקען אויף ביכער אונ דער פון לערינט דיא גאנצע וועלט חכמות אונ מוסר , ווער עם ליינט לערינט זיך פון דעם נוטין פון דעם שלעכטין פון דעם חכם פון דעם נאר נוטץ טאן שלעכטס אויס מיידין אונ קלוג זיין •

נאך אנדערע חכמות האבין מענטשין גיפונען אזוי ווייט גייט דער מענטשליכער שכל אז אלטער לעב איז אויך דורך דער נוט צום שכל גיקומען , איין גוטע נאכט איהר וועט הערין ווייטער וואס אוים איז גיווארין •



ר׳ אלטער לעב בַּאקוּמְט גוּטְס צוּ עֶסִין אוּנ מַאכְט זִיךְ
דִּיא דִירֶה גְרֶעסֶער אַיין שְׁטְרִיק לֵייטֶער, אַיין הַאמֶער,
אַיין הַאק, אַיין לָאפִּיטֶע, אַיין דְּלִיטֶע, אַיין גִילֶעגֶער, אַיין
לוּחַ, אַיין פַּארַאסָאל, אוּנ אַיין סַאקְוֶוע (טַאשֶׁע).

פילער וויא לאנג נאך וועסטו שלאפען ווען וועסטו שוין דער לעבין אויף צוא שטיין , דיא גאנצע וועלט האנדעלט אונ וואנדעלט שוין אין אלע גאסען אונ דוא ליגסט נאך אין בעט , אזוא פלעגין תמיד פאטער אונ מוטער מיט אלטער לעבען צוא טיינען אונ צוא שרייען ער פלעגט אבער פארט פויל צוא זיין ווארום איין פערצויגען קינד פאלגט קיין מאל נישט אפילו אז מען זאגט איהם וואס פאר איהם גוט איז .

דיא ליבע נויט אבער האט אויס אלטער לעבין גאר איין אנדערין מענטש געמאכט , גאנץ פריה איז ער שוין אויף גיוועזען זייער ערינסט גידאווינט אונ ארום גילאפין ברויט זוכין דאס האט אים זייער גיזונד אונ פריש גימאכט ווארום ער האט ערשט איין גיזעהען אז דורך ארבייטען אונ פריה אויף שטיין בלייבט דער מענטש גיזונד .

אונ איבער דעם האט אלטער לעב דיא נאכט גוט גישלאפין זיך גאנץ פריה ווידער אויף גיחאפט אונ גיגאנגען דער ווייל איז ער זיך פאר גאנגען אויף אזייט שטעשקע תחילת האט ער זיך זייער גישראקין פארווילדע חיות , אונ דער מאנט זיך אן זיין בטחון האט ער שוין גאר נישט מסופק גיוועזין אן גאטס הילף מסתמא אז גאט האט איהם דעם וועג געפירט איז אודאי רעכט ער גייט זיין וועג ווייטער אונ האט זיך אום-גיקוקט פון אלע זייטען פלוצלונג דער זעהעט ער אבוים וואס איז זייער הויך שיין געוואקסין אונ גאר נאקעט אן צווייגין גאר אויף דעם שפיץ האבין אראפ געהאנגען אזוא וויא אקרוין ארום אונ ארום שפיצעדיגע בלעטער וויא שווערדען לאנג אונ צווישען דעם האבען געהאנגען פירות וואס זיינען ראוי לברכה גיוועזען .

וויא דער בוים אדער דיא פירי האט געהייסען האט ער ניט גיוואוסט ווייל ער האט קיין מאהל נישט גיוואלט לערנען , איי האט איהם דאס הארץ זייער ווייא גיטאן פאר וואס ער האט נישט גילערינט חכמת הטבע צו קענען דיא חכמה וואס גאט האט גינעבין אין דער טבע ארייין ווייל זיא קומט זייער צוא ניץ , אלטער לעב איז גישטאנען וויא חזק ער האט ניסט געוואוסט צוא מעג ער דיא פירי געניסען צו ניט דאס הארץ איז אים איבער געגאנגען איינע צוא פאר זוכין

אונ דער מאגין האט איהם דער צוא צוא גירעט האט ער זיך פארט איין געשטעלט אונ האט זיך איין פירי אב געשלאגען זיא האט אויס גיזעהען וויא אנוס מיט דרייא עקין אונ גרויס וויא איין קאפ פון אקינד, דיא אויבערסטע שאל איז גיוועזען גלייך מען האט גענומען פעדים פון פלאקס אונ זייא צוא נויף גילייגט דיא אנדערע שאל איז אבער אזוי הארט גיוועזין וויא אקרעמין •

ער וואלט שוין גערען גיוועזען דעם טעם פאר זוכין ער האט געמוזט נעמען שפיציקע שטיינער אונ האט זיך געמוטשעט אונ געמארדעוועט האלב זאפט איז אויס גירונען ביז ער האט דער לעבט זיא צוא עפענען וויא ער פאר זוכט דיא זאפט איז זיא זיסער גיוועזען וויא צוקער, האט אים ערשט רעכט באנק געטאן נאך דעם זאפט וואס ער האט אומזיסט פאר גאסען, ווייל ווען ער וואלט אבער גיוועזען גילערינט וואלט ער געוואוסט אז דער בוים הייסט קאקוס בוים אונ דיא פירי הייסט קאקוס נוס, אז דיא ביימער וואקסען נור אין הייסע לענדער, בפרט אין אינדיע אויף מזרח זייט אונ דיא פירי האט אטבע זיא איז זייער זים אונ געזונד, אונ אז דיא פירי האט פון דער טבע דרייא לעכער דורך וואנען מען קען אויס שמאקצען דיא זאפט •

דער נויט האט אים פאר אחכם געמאכט ער האט ערשט דער נאך אליין דער פון געוואר געווארען ער שלאגט זיך אב צווייא דרייא שטיק לויפט צום בארטין האפט זיך עטליכע הערינגליך אונ ווייגט פאר שמחה מיט ביטערע טרערין אונ דאנקט גאט פון גאנצין הארצין וואס ער האט איהם ווידער באשערט אמאכל וואס זעטיגט, ווארין דער טעם פון דער פירי איז גיוועזין וויא טערקישע נים •

איז ניסט איין עבירה פאר גאט אז דער מענטש לערינט ניסט אלסדינג, כדי ער זאל דורך דר טבע (נאטור) פון יעדער זאך אונ דורך אלע גרויסע אונ קליינע באשעפענישען וואס זיינען פון דעם מענטשים ווענען באשאפען געווארען גאט צוא דער קענען אונ ניסט זיינע יארין וויא אבהמה אפ צוא לעבין

ווער איז אצונד אונזער אלטער לעבין גלייך ער האט זיך אהיים געטראגין נים אונ הערינג צום מיטאג מאל, אויס דיא קאקים שאלין

האט ער זיך גימאכט אקופעל צום וואסער שעפין , אונטער וועגינס האט ער ווידער גפונען אטושעל שאל (דאס הייסט שאלען פון אגרויסער פראש) אויס דער שאל האט ער זיך געמאכט אלאפעטע צום גראבין ער האט זיך געפרייט אז עס וועט אים אצונד פיל לייכטער זיך ניט אויף קיין שום זאך אום צוא קוקין אזוי איז ער אצונד אבריה געווארין; דיא נויט האט אים פייאיג געמאכט אגרעזעלע אויף דער דער האט ער ניסט נאך גילאזט אונ האט אלס דינג בעטראכט אויב עס קען אים ניט צוא ניץ קומען .

ער האט גערוט ניט געגעסען ניט געטרונקען ביז ער האט פריער זיך גאנץ גוט אומגעקוקט אויב עס וועט אים דער פון ארויס קומן אין מיט שכל האט ער גוט אריין געקוקט אונ אזוי געזאגט, נאט האט אונז מענטשין שכל גישיינקט איבער דער שכל זיינען דורך מענשין אלערלייא מלאכות אונ אלער האנד חכמות ארויס געקומען וויא מער דיא מענטשין צוא זאמען מער זעהט מען אונ הערט מען פון זייא חכמות מלאכות, ווייל מער קעפ מער שכל איינער העלפט דעם אנדערין פעלט איינער פאר בעסערט דער אנדער , אבער איך בין דא נור איין מענטש אליין מוז איך זעהען אליין מיר אלסדינג מיט שכל אויס צוא קלערין אונ דורך ארבעטין אלסדינג ארויס צוא ברייגגען .

דיא נויט איז זייער אגוטער מלמד , וויא ער האט אלס מיט שכל פלייסיג נאך גיקלערט , גייט ער פאר בייא אונ זעהט אז עס וואקסט אניוויקס וואס איז אקורבאט וויא אונזער ליאן , אויף אפרוב רייסט ער אויס פיל שטיינגליך בינד צונויף עטליכע בינטלאך אונ לייגט זיי אין וואסער אריין לאזט זייא דארט אזוי לאנג ווייקין ביז דיא אויבערשטע איז גאנץ ווייך גיווארין ער נעמט זייא ווידער ארויס שפרייט זייא ווידער אויס אויף אפלאטיץ קעגען דער זון ווען זייגען אויס גיטריקנט גיווארין האפט ער זיך אפאלעגע האלץ אונ האט אזוי לאנג אויף דיא שטענגליך געשלאגען ביז דיא אויבערשטע שאל איז אראפ גיפאלין אונ גישיילט געווארען דיא פעדימלאך זייגען אזוי ארויס געקומען וויא אונזער פלאקס דער נאך האט ער זיך געדרוטעוועט שטריק אונ שפאגאט , נור ווייל זייא זייגען ניט אויף דער דרייא מאשין געמאכט

גֶעוָוארֶען זַיינֶען זַייא נִיט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעווֶעזֶען וִויא אוּנְזֶער שְׁטְרִיק, אָבֶּער פָארְט הָאט עֶס אִים זַייעֶר גוּט גֶענוּצְט, עֶר הָאט תֵּיכֶף גֶענוּמֶען אַלַאנְגֶע שְׁטִיק הָאלְץ אוּנ הָאט עֶס מִיט דֶער דַזאגֶע שָׁאל זַייעֶר שְׁטַארְק צוּנוֹיף גֶעבּוּנְדֶען אוּנ הָאט בַּאקוּמֶען אַנַאטִירְלִיכֶע רָאפַּאטֶע צוּם גְרָאבִּין.

עֶר גְרָאבְּט אוֹיס זַייעֶר פִּיל יוּנְגֶע וֶוערְבִּים טְרָאגְט זַייא פַאר זַיין הֵייל זֶעצְט זַייא רֶעבִּין אַנַאנְדֶער זַייעֶר גֶעדִיכְט אִין צְוַויא שׁוּרוֹת, דִיא צְוַוייגִין פְלֶעכְט עֶר אוּנ בִּינְד מִיט זַיין שְׁפַּאגַאט צוּא גֶעמְט עֶר מִיט בְלֶעטֶער אוּנ קְלֵיינֶע שְׁטֵיינְדְלַאךְ מִישְׁט אוֹיךְ צוּם הוֹיף אִין אַלֶע לֶעכֶער פִּילְט עֶר דֶער מִיט אָן בַּאגִיסְט עֶר מִיט וַואסֶער, כְּדֵי דִיא צְוַוייגְלִיךְ זָאלִין גִישְׁוִוינְד וַואקְסִין אוּנ דוּרְךְ דֶעם אִיז אַזַא שְׁ־אַרְקֶער אוּנ פֶעסְטֶער פַּארְקֶען גֶעוָוארִין וִויא אַיין מוֹיעֶר שְׁטַארְק אוּנ הָאט שׁוֹין גִיקֶענְט זִיכֶער שְׁלָאפֶען.

וַוייל אַלְטֶער לֶעבּ אַלֵיין הָאט נִיט גִיקֶענְט אַרוֹיס דוּרְךְ דֶעם פַּארְקַאן אוּנ עֶר הָאט בַּאדַארְפְט בְּרוֹיט צוּ זוּכֶען הָאט אִים דִיא נוֹיט גִילֶערִינְט עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט גְרָאבֶּע שְׁטְרִיק אוּנ הָאט זִיא אַזוֹי גִימַאכְט וִויא אַלֵייטֶער אוּנ אִיבֶּער זַיין דִירָה אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג אַיין אַלְטֶער בוֹים דָארְטִין הָאט עֶר דִיא שְׁטְרִיק לֵייטֶער אָן גִיבּוּנְדִין אוּנ אִיז זִיךְ אַרַיין אוּנ אַרוֹיס גִינַאנְגֶען וִויא אַיין רֶעכְטֶער נָאשְׁפָּאדֶער וֶוער אִיז אִים גְלַייךְ, קוֹדֶם הָאט עֶר קֵיין מוֹרָא נִיט גֶעהַאט פַאר וִוילְדֶע מֶענְטְשֶׁען אוּנ אוֹיךְ נִיט פַאר חַיּוֹת רָעוֹת.

אַזוֹי זַיינֶען דִיא מֶענְטְשִׁין הָאט זִיךְ נוּר דֶער שֵׂכֶל עֶפֶּעס גֶערִירְט רוּהִט עֶר שׁוֹין נִיט בִּיז עֶר בְּרֵיינְגְט אַרוֹיס וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכִין, קוֹים הָאט זִיךְ אַלְטֶער-לֶעבּ דֶעם פַּארְקֶען פַארְטִיג גֶעמַאכְט אוּנ אִיז שׁוֹין זִיכֶער גֶעוֶועזִין פוּן מֶענְטְשֶׁען אוּנ חַיּוֹת הַאט עֶר שׁוֹין גֶעוָואלְט אַיין גְרֶעסֶערֶע דִירָה, וַוייל זִיא אִיז פַאר אִים זַייעֶר אֵיינְג גֶעוֶועזִין עֶר הָאט זִיךְ גָאר נִיט גֶעהַאט וִויא צוּ אֵיינוּנְגֶען, עֶר הָאט אָבֶּער נָאךְ נִיט דִיא כֵּלִים דֶער צוּא וָואס מֶען דַארְף גֵייטִיג, גֵייט עֶר אוּם מִשְׁנָא אוֹיף יֶענֶער זַייט בַּארְג אוּנ זוּכְט אוּנ גִיפִינְט שְׁטֵיינֶער וָואס הֵייסֶען פָאלְקֶענְ־שְׁטֵיינֶער זַייא זַיינֶען זַייעֶר שַׁיין גְרִין הַארְט וִויא שְׁטָאל פְּלַאטְשִׁיק

און שארף איין שטיין איז גיוועזען אזו וויא איין האק דער אנדערער שטיין איז ווידער וויא אפערליך גיוועזען דיא צווייא כלים זיינען בייא איהם מעהר ווערט גיוועזען וויא איך ווייס גאר אליין ניט וואס .

ער נעמט שטריק אונ מאכט שטולען פון האלץ אונ באפעסטיגט דיא שטיינער אן דעם האלץ מיט זיין אייגענעם שפאגאט אזוא שטארק אז עס האט בעסער געהאלטען וויא מיט אייזין , דיא שמחה איז גאר איין איינציג געוועזען טויזענד שטיק דוקאטין וואלט ער ניט גענומען פאר איין שטיקיל שטיין ער קלייבט זיך אויס איין דריטין שטיין וויא איין האמער איין פערטין שטיין וויא אדלוטע ער שפרינגט אונ הופקעט אהיים ווייל זיין הייל איז אויס לויטער שטיין גיוועזען האט ער אן געהויבען מיט זיינע כלים צוא ארבעטין ביז זיא איז גרויסער געווארען ער האט שוין צוא מזל אגרויסע דירה אויך וואס נאך וויל מען פון איהם האבען .

ער פאלט אויף איין שכל זיך איין גילעגער צוא מאכען ער לויפט געשווינד ארויס רייסט אויס פרישע הייא אונ אלערלייא שמעקעדיגע קרייטער לייגט ער קעגען דיא זון טריקענען טראגט עס אין זיין הייל אונ האט זיך אויס גיבעט וויא איין גבאה דאס הארץ איז אין אים געשפרונגען פאר שמחה אז ער וועט ווידער קענען ליגען גלייך אויס גישטרעקט וויא אמענטש , איצונד האט ער זיך ערשט זיינע קראנקע צוא בראכענע גלידער דער פילט , ער לייענט ערינסט קריאת שמע אונ ווערט זיס אנטשלאפען .

נור וואס אין דער פריה איז ער אויף געשטאנען אפגעדאווינט אונ עפעס איבער גיביסען , האט ער זיך תיכף ווייטער צוא דער ארבעט גענומען , נור ווייל ער האט מורא געהאט אז ער וועט דא אין דער וויסטינייא פאר געסין אויב ער איז איין יהודי ווען שבת ווען יום טוב איז, כדי ער זאל רוען אונ ניט נארבעטין, האט ער זיך מיט חכמה איין לוח אויס גיקלערט , אוודאי איז דער לוח ניט גיוועזין אקוראט וויא אונזערע ווארין ער איז דאך גאר נישט גילערינט גיוועזען גאר פארט וויא ווייט זיין שכל האט אויס גיטראגין וויא ווייט ער איז אים שטאנד גיוועזען האט ער גיטאן .

ער הָאט זיך אָב גיקליבָען פִיר בֵּיימֶער וָואס שְׁטֵייעֶן נִיסְט וַוייט פון איינַאנְדֶער אוּנ הָאט גיגוּמֶען זַיין שַׁארְפִין שְׁטֵיין אוּנ איז גִיגַאנְגֶען צוּם גְרֶעסְטֶען בוֹים פון דִיא פִיר שְׁטִיק אוּנ הָאט אַלֶע טָאג אַיין צֵייכֶען אוֹיס גֶעקְרִיצְט אַלֶע זִיבִּין טָאג הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז שַׁבָּת .

ווִידֶער הָאט עֶר אִין דֶעם אַנְדֶערֶען בוֹים אַיין גְרֶעסֶערֶען צֵייכִין אַיין גֶעשְׁנִיטֶען ווִיא עֶר הָאט פִיר אַזֶעלְכֶע צֵייכֶענֶעש אִין בוֹים אַרֵיין גֶעשְׁנִיטֶען הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז שוֹין אַחוֹדֶש אַוֶועק אוּנ הָאט ווִידֶער אִין דֶעם דְרִיטֶען בוֹים נָאךְ אַגְרֶעסֶערֶען צֵייכֶען גֶעמַאכְט ווִיא עֶר הָאט צְוֶועלְף אַזֶעלְכֶע צֵייכֶען גִיזֶעהֶען הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז אַיָאר אִיז שוֹין פַאר בַּייא , אוּנ מַאכְט אִין פֶערְטִין בוֹים אַיין גַאנְץ גְרוֹיסֶען צֵייכֶען אַזוֹיא הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶס אִיז הַיינְט ראֹש הַשָּׁנָה .

אַז צְוַוייא מָאל אִין פִינְף יָאר אִיז עִיבּוּר הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אוּנ נָאךְ דֶעם לוּחַ הָאט עֶר זִיךְ תָּמִיד בַּארֶעכִינְט וֶוען עֶר דַארְף רוּעֶן אוּנ פַאר גָאט זַיין הַאֶרְץ אוֹיס צוּא גִיסֶען , וָוארוּם אִין דֶער וָואכִין וֶוען עֶר הָאט פְלַייסִיג גֶעאַרְבֶּעט אִיז אִים נָאר דֶער קָאפּ דְרוֹיף נִיט גִיוֶועזֶען שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב הָאט עֶר פוּן זַיין נְשָׁמָה וֶועגֶען גִיבֶּעטֶען .

וַוייל דִיא זוּן הָאט דָארְטִין זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבְּרֶענְט הָאט עֶר גֶעמוּזְט זִיךְ אַיין פַארַאסָאל פַאר דֶער זוּהן מַאכֶען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעגְרָאבֶּען יוּנְגֶע וֶוערְבֶּעס אוּנ הָאט זַייא קֵיילֶעכְדִיג גִיפְלָאכְטֶען אוּנ פוּן אוֹיבִּין הָאט עֶר מִיט גְרוֹיסֶע קָאקוֹס בְּלֶעטֶער אִיבֶּער גֶעצוֹיגֶען , אוּנ אָן שְׁטָאט שְׁפִּילְקֶעס הָאט עֶר פוּן דִיא טוֹיטֶע פִּיש וָואס דָאס יָם וַוארְפְט אַרוֹיס קְלַייבְּט זִיךְ עֶטְלִיכֶע גְרַאדִין אוֹיף אוּנ הָאט מִיט זֵיי דִיא בְּלֶעטֶער צוּא דִיא וֶוערְבֶּעס אַזוֹ צוּא גֶעשְׁפִּילֶעט אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער גֶעוֶועזֶען ווִיא גֶענַייט עֶס הָאט נִיט גִיקֶענְט אַיין שְׁטְרִיכִיל פוּן דֶער זוּן דוּרְךְ שַׁיינֶען עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוּנ נָאךְ אַיין אַרְבֶּעט גֶעמַאכְט ,

אזוֹי ווִיא נַארִישׁ בִּין אִיךְ דָאס גֶעוֶועזֶען פַאר וָואס אִיךְ הָאבּ מַיינֶע יָארִין אַזוֹי אִין לֵיידֶען פַאר בְּרַאכְט : אַמָער וָואלְט אִיךְ עֶפֶּעס גֶעוָועזֶען גֶעלֶערִינְט , עֶס אִיז נָאךְ פְּרִיה זִיךְ צוּא לֵיינִין , מוּז אִיךְ

נָאךְ עֶפֶּעס נוּצְלִיךְ מִיר סַאכֶען עֶר נֶעמְט אַסַאךְ פְּלַאקְס אוּנ מַאכְט זִיךְ דִיקֶען פָאדֶעם דֶער נָאךְ גֵייט עֶר צוּא צְוֵוייא בֵּיימֶער וָואס זַיינֶען נִיט וַוייטֶער גֶעוֶועזֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערִין נוּר אֵיין אֵייל, עֶר הָאט אָן גֶעקְנִיפְּט אִין דֶער לֵיינְג פִּיל פֶעדִים אוּנ וַוארְפְט ווִידֶער אַנַאנְדֶערֶע, פֶעדִים דוּרְךְ אִין דֶר בְּרֵייט אוּנ עֶס אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען וִויא אַיין שַׁאטְקֶע.

עֶר שְׁנַייט דִיא שַׁאטְקֶע אָב פוּן דִיא בּוֹימֶער אוּנ קְנִיפְּט צְוֵוייא זַייטֶין אַלֶע עֶקִין צוּם נוֹיף אוּנ דִיא דְרִיטֶע זַייט לָאזְט עֶר אָפִין אִיז דְרוֹיס גֶעוָוארֶען אַסַאקְוֶוע, כְּדֵי אַז נָאט וֶועט אִים בַּאשֶׁערִין לֶעבִּינְס-מִיטֶעל זָאל עֶר הָאבֶען אִין עֶפֶּעס אַהֵיים צוּא טְרָאגֶען הַיינְט מוּז עֶר שׁוֹין רוּעֶן, וָוארוּם מָארְגֶען הָאט עֶר פַאר זִיךְ זֵייעֶר אַוַוייטֶען וֶועג צוּא גֵיין, אַנוּטֶע נַאכְט קִינְדֶער.

ח) אלטער לעב עֶר זִינְגְט עֶר בַּאקוּמְט אַיין גִיבֶּעקְס
וָואס זֶעטִיגְט, גֶעבְּרָאטִינְס, אוּנ לִימִינָעס.

גַאנְץ פְּרִיה הָאט זִיךְ אלטער לעב אוֹיס דֶעם שְׁלָאף אוֹיף גִיהַאפְּט אוּנ הָאט זִיךְ פַארְטִיג גִימַאכְט צוּא וַואנְדְרִיוֶוען עֶר הֶענְגְט זִיךְ אַרוּם אַיין סַאקְוֶוי אוּנ שְׁטֶעקְט זַיין הַאק וִויא אַשְׁוֶוערְד אָן דֶער זַייט נֶעמְט דֶעם פַּארָאסָאל אוֹיף דִיא פְּלֵייצֶעס אוּנ מַארְשִׁירְט מִיט קָארַאשׁ דַאוִוינְט עֶרִינְסְט אָפּ טוּט אַקַאלְטִין טְרוּנְק בַּייא זַיין קְוַואל אוּנ הֵייבְּט אָן צוּא גֵיין.

דֶער פְּרִיה מָארְגִין אִיז זֵייעֶר שֵׁיין גִיוֶוען דִיא לוּפְט זֵייעֶר רֵיין דִיא זוּן הָאט אַזוֹי פְרַיינְדְלִיךְ גִישַׁיינְט אַז עֶס הָאט זִיךְ דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט אִיר גֶעפְרֵייט טוֹיזֶענְד עֶרְלֵייא קְלֵיינֶע אוּנ גְרוֹיסֶע פֵייגֶעל צְוִוישֶׁען דִיא בֵּיימֶער אוּנ הָאבִּין זֵייעֶר קִינְצְלִיךְ ווּאוֹל גִיזוּנְגֶען שִׁירָה צוּא גָאט דָאס הָאט אִים אִין אַלֶע זַיינֶע אֵבְרִים דֶער קְוִויקְט דִיא רֵיינֶע לוּפְט הָאט אִים גִישְׁטַארְקְט דֶער אֶמֶתֶער בִּטָחוֹן צוּא נָאט הָאט אִים גִיהוֹבֶּען.

עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַנִידֶער אוּנ זָאגְט צוּא דִיא פֵייגֶעל וַוארְט מִיר אִיךְ וִויל מִיט אַייךְ גָאט לוֹיבֶּען אוּנ וֵויל מִיט אַייךְ אִין אֵיינֶעם צוּ זַיין לִיבֶּען נָאמֶען זִינְגֶען אִיר זַייט נָאר פֵייגֶעל אוּנ פִילְט וָואס אִיר זִינְגְט

און איך בין אמענטש און בין שוין אלט און האב נאך דעם הייליגען טעם נישט געפילט נאט מיט התלהבות צוא דאנקען און לויבען .

איין שטילער ווינד האט אים פון אלע זייטען צוא געבראכט דעם גוטען ריח פון אלערלייא בשמים ער האט בפירוש געפילט דעם טעם פון גן עדן ער איז דא שטיין געבליבען גלייך וויא מען וואלט אים א כישוף אפ געטאן ער פאר מישט זיין קול צווישען דיא זיסע קולות פון דיא טויזענטער פייגעל און זינגט און וויינט פאר שמחה .

נאך האט אלטער לעב זייער מורא גיהאט פאר ווילדע חיות און ווילדע מענטשין , איבער דעם האט ער אויס גיוויכט אלע געדיכטע וועלדער און האט זיך אלע מאל גאנץ גוט אומגיקוקט פון אלע זייטען דער ווינד האט נאר גירושט צווישען דיא בוימער איז שוין אים דיא נשמה ארויס געפאלין פאר פחד , אשטיק וועגס איז ער שוין איין געגאנגען און האט נאך נישט גיזעהן עפעס וואס זאל אים גוטצען ער גייט פארביי פאר אקליין וועלדיל וואו זייער פיל קרייטער האבין געוואקסין , אטייל קרייטער האבין געהאט רויטליכע בלאליכע און אטייל ווייסליכע בלומען , אין דער הייך האבען נאך גיהאנגען קיילעכדיגע עפעליך וויא דיא קארשין גרויס ער האט געשווינד איילענדיג אפאר אויס געריסען און פאר זוכט און עס האט זייער אשלעכטין טעם געהאט .

ער איז זייער בייז געווארין און האט מיט דעם ווארציל אויס געריסען האט ער דערזעהען גרויסע קנוילען האבין ביין ווארציל נאך גיהאנגען ער האט זיך געשטויסען אז דיא קנוילען מוזען זיין דיא רעכטע פרי און דיא בלומליך מוזען זיין נור דער זאמען , ער פארזוכט גישווינד דיא פרי אליין איז זיא אויך נישט גישמאק גיוועהן נאר אוועק צו ווארפען האט ער פארט נישט גיוואלט ער לייגט די קנוילען אין זיין סאקווע אריין און גייט ווייטער , צוא מיטאגס צייט איז אלטער לעב שוין זייער מיד געוועהן ער האט זיך אנידער געזעצט אונטער אגרויסען בוים ער זאל זיך אויס רוהען קוים האט ער זיך

אנידער גיזעצט האט ער גיהערט רוישען אזו וויא פים טריט ער האט זיך זייער דערשראקין העגד אונ פים האבין אונטער אים געציטערט אלץ איינס איז מיין לעבין שוין פארביי האט ער זיך גיטראכט , ער פאר קריכט זיך ווייטער אונטער דעם בוים אונ זעט צו דאס גרייטע .

וויא ער ליגט אזו זעט ער פאר ביי גיין עטליכע חיות וואס איטליכע באזונדער האט אפנים געהאט וויא אהירש דער האלז לאנג וויא ביי אקעמיל דער קאפ וויא אפערד די חיה הייסט לאמאס אויף דייטש הייסען זיי שאף מען ארבייט מיט זייא וויא מיר מיט אונזערע פערד אונ אייזלען זייא טראגין שווערע לאסטין אונ פון זייער וואל שפינט מען אויך מאטעריעס אויף קליידער .

אין איין ציטערנעס איז ער דא געלעגין , ווייל ער האט געמיינט אז דאס זיינען ווילדע חיות אונ וועלין אים תיכף צוא רייסען ער האט זיך פאר שטעקט ביז אלע זיינען פאר אים פאר ביי געגאנגען נאר צום לעצט איז גאר אאיונגס צוא אים צוא געקומען, מיט דער שטיינערנער האק האט ער עס אויף טויט געשלאגען אונ האט תיכף דיא מציאה אויף דיא פלייצעס אהיים געטראגען .

וויא אלטער לעב האט דאס לאמא דער שלאגען איז אים זייער ביטער געווארין אונ עס האט זיך אים גידאכט אז דאס לאמא פרעגט אים וואס האסטו גיהאט צו מיר פאר וואס האסטו דוא מיך אומשולדיג געהרגת ער שטייט אונ קלערט נאך אונ זאגט צו זיך דאס וויים איך גאנץ זיכער אז גאט האט דיא גאנצע וועלט נאר פון דעם מענטשען וועגען באשאפין , אום זיסט אבהמה אחיה אדער עוף צער אן צו טאן איז איין גרויסע עבירה , דער קענען אבער וייל מענטשין מוזין זיך דורך פלייש עסין ביים לעבען דער האלטען האט גאט אליין אונז זייער פלייש צוא עסין מתיר געוועזין .

ווייל ערשטינס טוט זיך דער מענטש גרוים מיה ער ארבעט טאג אונ נאכט זייא ביים לעבין צו דערהאלטין זייא וואלטען אלע געמוזט וועןגישט דער מענטש פאר הונגער אום קומען , צווייטענס וואלטין זיי זיך שטארק געמערט אז זיי וואלטען זיך געמוזט איינס דאס אנדערע לעבעדיגע פרעסין , דריטענס פילען זייא ניט בשעת

מֶען בְּרַיינְגְט זַיי אוּם נָאר אַרְגַע דִי וַוייטִיג , אוּנ פֶּערְטִינְס מֶענְ, שֶׁען זָאלִין זַייא נִיסְט אוּם בְּרַיינְגֶען וָואלְטֶען זַייא זִיךְ אִיבֶּער מֶענְטְשֶׁען מִתְנַבֵּר גֶעוֶועזֶען אוּנ זָא גְרוֹיסֶע שָׁאדִינְס גֶעטָאן , אִיבֶּער דֶעם הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ רֶעכְט גֶעטָאן , מִיר דַארְפִין אִים נָאר נִיט דַן זַיין לְכַף חוֹב וָואס אלטער לעב הָאט נִיט אַזוֹא גֶעקְוִילֶעט וִויא דֶער דִין אִיז , אוּנ אֶפְשָׁר טָאר מֶען גָאר קֵיין לַאמֶע נִיסְט עֶסִין , וַוייל דָאס אִיז נָאר גִיזָאגְט גֶעוָוארִין אַז מֶענְטְשֶׁען זַיינֶען אַלֶע אִין אֵיינֶעם טָאר מֶען נִיט דָאס , מֶעג מֶען יֶענֶע עֶסִין , אָבֶּער נִיט דֶר וָואס וֶוערְט פַארְוָוארְפִין אוֹיף אַיין אָרְט וואוּ עֶס אִיז נִיסְט דָא מִיט עֶפֶּעס צוּ לֶעבֶּען, מִיר מוּזִין זִיךְ נָאר תָּמִיד מִיט אוּנְז אַלֵיין בַּארֶעכֶענֶען , אוֹיבּ אַז מִיר זָאלִין זַיין אִין דֶעם שְׁטַאנְד וִויא יֶענֶער , אוֹיבּ מִיר וָואלְטֶען אוֹיךְ נִיט אַזוֹא גֶעטָאן .

אִיבֶּער דֶען וֶועג זֶעהֶעט אלטער לעב אַבוֹים וָואס וַואקְסְט אוֹיף אִים לִימֶענֶעס עֶר הַאפְּט זִיךְ עֶטְלִיכֶע אִין דֶער סַאוְוקֶע אַרַיין אוּנ יָאגְט זִיךְ וַוייטֶער אַהֵיים עֶר הָאט דִיא פֶּעל אָבּ גֶעצוֹיגֶען אוּנ הָאט זִיא גֶעלֵייגְט קֶעגִין דֶר זוּן טְרִיקֶענֶען אוּנ הָאט זִיךְ תֵּיכֶף בַּארֶעכִינְט אוֹיף וָואס דִי פֶּעל וֶועט אִים צוּ נִיץ קוּמֶען אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַאכֶען שִׁיךְ אוֹיף דִיא פִּים , כְּדֵי דִיא פִּים זָאלִין אִים נִיט מֶער פוּן הַייסֶען זַאמְד וִויא בִּיז אַהֶער פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין , דֶעם פֶּעלְץ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף וִוינְטֶער בַּאהַאלְטֶען עֶר הָאט נִיסְט גֶעוואוּסְט אַז דָארְטִין אִיז קֵיין מָאל קֵיין וִוינְטֶער נִיט .

אַזוֹ אִיז אַפְּרָאסְטֶר אוּמְגִילֶערִינְטֶער יוּנְג וַוייסְט גָאר נִיסְט . וָוארִין עֶר זָאל גֶעוֶועזֶען לֶערְנֶען וָואלְט עֶר גֶעוֶועזֶען גֶעוואוּסְט אַז אִין דֶעם גֶענֶענְד אִיז קֵיין מָאל נִיסְט קֵיין וִוינְטֶער , אוּנ וָואלְט זִיךְ זַייעֶר פִּיל עַגְמַת נֶפֶשׁ פַאר שְׁפָּארְט , וַוייל עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעוואוּסְט צוּא פַאר הִיטֶען פַאר דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען רֶעגֶען וָואס רֶעגִינְט דָארְטֶען אַלֶע יָאר צְוַוייא חֳדָשִׁים נָאךְ אַנַאנְד .

פוּן וַואנֶען וָואלְט אלטער לעב דָאס גֶעזָאלְט וִויסֶען עֶר גְרֵייט זִיךְ אָן אַפֶּעלְץ אוֹיף וִוינְטֶער אוּנ נֶעמְט זִיךְ וִוידֶער צוּ זַיין לַאמַא עֶר נֶעמְט אַרוֹים דָאס אִינֶעווַיינִיגְסְטֶע רַיינִיגְט עֶס שׁוֹין מִיט וַואסֶער שְׁנֵייד אָבּ אַשְׁטִיק פְלֵייש מִיט אַזַא תַּאֲוָה אַז עֶס זָאל נָאר מֶעגְלִיךְ זַיין וָואלְט

ער כמעט גינעסין רויערהייט, ער איז אקארסט ניט משוגע געווארען פאר נחת. ער לויפט אונ מאכט זיך אהילצערנע שפיז שטעקט אוים דאס פלייש האפט געשווינד צוויא יונגע ביימעליך אזוי וויא גאפלען שפיצינג שטעקט זייא איין אין דער ערד אונ לייגט דיא שפיז אין דער מיט הויבט אן ארום צוא דרייען אין איין שמחה, אבער פאר פינסטערט איז זיין שמחה געווארען ווייל ער האט זיך הערסט דער מאנט אז ער האט קיין פייער ניט.

ער האט אמאל גיזעהן אז אונזערע פויערים פון דארף מאכין פייער אין וואלד זיי רייבען צווייא שטיקער האלץ איינע איינאנדער ער האט זיך געמארדעוועט אונ האט שוין געבראכט צום רויך איז ער אזוי מיד אונ פאר שלאפט אן כח געבליבען אז ער האט פאר צארין דאס האלץ אוועק געווארפען אונ שרייט אוי וויא מיר געשעהען איר גליקליכע מענטשען איר זייט מיליאנען אין איינעם, אונ איך בין נאר איין מענטש אליין וואס קען איך טאן צום גרעסטין אום גליק בין איך נאר איין גראבער יונג.

דאס איז אבער וואר ווען ער זאל געוועזען דרויף אכטונג געבען וואלט ער געוואוסט אז מען מוז נעמען אטרוקין שטיק האלץ מיט אפייכטס אונ עס מוז ברענען, ער איז אין כעס געוועזען אונ ווארפט דאס פלייש מיט דער שפיז אוועק פאר הארץ ווייטיג האפט ער געשווינד אשאל ריין וואסער מיט אהאלבער לימינע אונ האט זיך נאר דער קוויקט ווייל עס האט געקילט אויף דער ברוסט.

נוא ער איז ארום געלאפין וויא אפאר סאמטע מויז ער איז שיעור אומגעקומען נאך אשטיקעל פלייש וואס טוט מען ער האט זיך דערמאנט אז דיא טאטערין בראטין פלייש זייא לייגין עס אונטער דעם זאטעל פון אפערד ווען זייא רייטען אונ עס ווערט פון דער היץ אין עטליכע מינוט ווייך צום עסען, ער לויפט געשווינד אונ האפט צווייא שטיינער גאנץ גלאט שלעפט אראב פון דער שפיז דאס שטיק פלייש אונ לייגט עס אין דער מיט אריין נעמט זיין שטיינערס האמער אונ שלאגט אזוילאנג אין דעם אויבערשטען שטיין אריין ביז ביידע שטיינער זיינען דער היצט געווארען אהאלבע שעה האט עס גידויערט

אונ האט צום ערסטין מאל ווידער פלייש גיגעסין עס איז ניסט אזוי גוט געוועזען וויא אונזער גיבראטינס געווג ער האט ווארעמס גיגעסין אונ שטאט זאלץ האט ער לימינעס אויס גיקוועצט אונ האט זיך גאר דער קוויקט גאט האט ער זייער געדאנקט פאר דעם מאל צייט .

ער האט אויף זיך גענומען מארגען תיכף עטליכע לאמאס צוא האפען , כדי ער זאל אויף דעם ווינטער פאר זארגט זיין מיט פלייש ער שאקילט דורך איטליכע הייא באזונדער , אונ בעט זיך זייער וואויל ער לייגט זייער ערינסט קריאת שמע אונ לייגט זיך שלאפען .

עס איבער פאלט אלטער לעב איין שרעקליכער
פלאץ רעגען , ער באקומט פייער , זאלץ וואסער ,
ציגעל . איין לעבעדיגע שפין , איין שטיק גאלד .

בארים דיך נישט אויף מארגען דוא ווייסט ניסט וואס פאר איין טאג עס קאן נאך היינט אויף דיר קומען , אלטער לעב האט זיך נעכטין ביין שלאפין לייגען אמסקנא געמאכט היינט גאנץ פריה אויף צוא שטיין . כדי ער זאל עטליכע לאמאס האפען גאט האט אבער אנדערסט געוואלט קוים האט ער אב געדאוונט אקאלטען טרונק וואסער מיט לימינע זאפט געטאן נעמט ער זיך זיינע כלים מיט דער סאקעווע אונ וויל גיין , דער וויל וויא ער איז איבער דער שוועל געקומען איז אים פינצטער געווארין פאר דיא אויגען דער הימעל איז שווארץ געוועזען עס האט גענאסען מיט צוברות אונ עס איז זייער אשטארקער פלאץ רעגען געגאנגען אזא דונער אונ בליצען האט ער נאך ניסט געזעהען אונ ניסט גיהערט אזוי לאנג אז ער לעבט נאך ערגער וויא אויפין ים .

ער האט אפילו פון אזא שטארקען רעגען דונערין אונ בליצען זינט ער לעבט ניסט גיהערט דער ציילען , פאר פחד האט עס מיט אים גיטרייסעלט וויא מיט אלולב דאס האט ער אבער גאר זיך אליין צוא דאנקען , ווייל ווען ער זאל האבען עפעס גילערינט

וואלט ער געוואוסט אז מען טאר זיך גאר ניסט פארכטען פאר גאטס שלוחים דער מענטש וואס איז גאר ניסט זינדיג קענען גאט אונ מענטשין דארף פאר דיא אלע צייכענש וואס קומען פון דעם הימעל גאר קיין מורא ניט צוא האבען אז פאר גאט קען מען זיך נישט באהאלטען ער זוכט אפ דעם מענש אפילו אונטער דער ערד.

אלע פראסטאקעס וואס לעבין אן שכל פאר שרעקין זיך פאר אדונער אדער אבליץ וואס נאר צום לאכען איז עס, זעהען זייא אמאהל אשטערען פליהען ציטערען זייא אין אלע גלידער אונ מיינען אז עס באטייט אז זייער מזל איז זייא אום גיפאלען זעהען זייא אשטערען מיט אבעזים ליינען זייא אוים אויף מלחמה אויף עיפוש אדער אז עס קומט שוין דער סוף פון דער וועלט, הערין זייא שטארק דונערין בליצען רוקען זייא דיא טישען אין מיטין שטוב ארייין פאר קריכען זיך אין דיא בעטין אונטער דעם אויבען אדער אין קעלער אריין, שוטים נאראים זייא ווייסען ניסט אז אין דער חכמה פון טבע איז גאר ניסט פאר האנדען עפעס וואס עס זאל שעדליך זיין.

נאט איז זייער גוט פון אים גייט קיין מאל קיין עולה ניסט ארויס, אדרבה עס איז פאר דעם מענטש איין גרויסע טובה שפעטער דיא זוהן קומט אויף שענער איז דער טאג דיא לופט ווערט זייער ריין דער אויר ווערט זייער לויטער, מענטשין בהמות חיות עופות אונ אלע ברואים ווערען פרישער, פעלדער גערטנער ביימער אונ אלערלייא פלאנצען ווערען נאך איין מאל אזויא שיין אונ נאך אמאל אזויא גרוים.

אלטער-לעב וואס איז אבער זייער אומגילערינט גיוועזין איז פאר מורא אין דרייען איין נעדרייט אונ אין איין ווינקעלע פאר קראכען, אונ האט געמיינט אז קומט שוין זיין קאנעץ ער איז ווידער גאר אין ספק געוועזען אויב גאט וועט איהם אמאל ווידער העלפען, אויב ער וועט זיינע פאטער אונ מוטער נאך אמאהל פאר זיך זעהען, אזוא איז דער זינדיגער מענטש בשעת ער ווערט פון גאט געהאלפען דאנקט ער גאט זייער מיט הארץ אונ זאגט

אז מען מוז נאר צוא נאט דעם בטחון האבען לאז ווידער. נאר עפעס אויף איהם קומען אזא פאר געסט, ער און אלעס אונ שרייט שוין איבער נאט אז נאט וויל איהם שוין מעהר ניסט העלפען אונ ער איז שוין אויף אייביג פאר לארען.

נאר פון דעסט וועגען איז נאר דער הולטייא אזוא, ווארום ווער עס האט עפעס גילערינט ווייסט אז נאט איז זייער גוט אונ אז עס קומט איין מאל עפעס אויף דעם ערליכען ווייסט ער גאנץ זיכער אז עס וועט איהם בוודאי בעסער ווערען ווייל ער גלויבט אז נאט ווייס פיל בעסער וואס דעם מענטשען פעלט פיל מעהר וויא דער מענטש אליין.

איבער דעם אז מיר זעהען פאר אונזערע אויגען איין אום גליק דארפען מיר ניט פאר צאגען אן נאט מיר מוזען נאר נאטס וועגען מיט איין אפענעם מוח מיט שכל זעהען אונ וואס אונז דאכט זיך אז עס איז גיוועזען צוא אונזער אום גליק דאס אליין איז פאר אונז א תשובה וואס פירט אונז צום גליק.

אין דעם נעמליכען אויגענבליק וואס אלטער-לעב האט שוין געמיינט אז נאט האט איהם פאר לאזט אין דעם נעמליכען אויגען בליק איז ער געהאלפען געווארען אונ דער פלאטץ רעגען האט נאך געלאזט ער האט זיך צום נויף גענומען זיינע זאכען אביסעל אוים צוא גיין וויא ער קומט נאר איבער דיא שוועל האט אדונער אין דעם אויבערשטען בוים אריין געשלאגען וואס איז איבער זיין הייל אויף זיין בארג געשטאנען דיא גאנצע ערד האט געציטערט אונ איהם האט עס אום געווארפען עס איז שוין דיא לעצטע שעה האט ער געמיינט, טויב בלינד שלאף אונ מאט איז ער גילעגין עס איז איהם פאר גאנגען דאס זעהען אונ דאס הערין, ער זאגט וויינענדיג וויא אזוי וועל איך ארוים אונ אריין גיין צו מיין הייל אז דיא שטריק לייטער איז פאר ברענט, וויא אזוי וועל איך געכטיגען אז דאס ערד ציטערנעס האט מיר נאר מיין הייל איין געלייגט.

וויא ער טרויערט אונ זארגט זיך אזויא האט דער ווייל אויף

זיהערט דונערן אונ בליצין דיא זון איז ווידער אויף געקומען ער הויבט זיך אויף וואס האט ער דער זעהן פייער אז דער אויפערקטער בוים ברענט, ווער קען פילען דעם טעם פון נחת וויא ער שרייט גוואלד פייער פייער וואס מיין הארץ באנגערט האט מיר גאט באשערט דאס הארץ צוא שפרינגט אין מיר פאר גרויס שמחה, אזוי איך זינדיגער מענטש בין גאר קיין מבין ניכט אויף גאטס גרויסע חסדים ער פאלט אנידער פאר גאט אונ שעמט זיך זייער פאר זיך אליין וויא ער האט געקענט נאך איין מאל זינדיגען אונ מסופק זיין אן גאטעס הילף.

ער ווייסט ניכט פאר שמחה וואס ער זאל טאן ער זעצט זיך אנידער אונ זאגט אחידוש זאל מען זעהען תמיד אין דער רגע וואס דער מענטש פאר געסט אן גאט אונ מיינט אז גאט שטראפט אים אין דער געמליכער מנוח זארגט ער פאר דעם מענטש וויא איין געטרייער פאטער פאר זיינע ליבע קינדער:

דער מענטש איז גיגליכינט צו אנאסטעל (אווארעם) אמאל האט אמענטש געדארפט אשטיק האלץ צו שפאלטין, אונ וויא ער האט שוין געהאלטען דיא האק אין דער הויך דער זעהט ער אין אשפאלט אנאסטיל ארום קריכען, ער איז אבער אגוטער מענטש געוועזין אונ האט רחמנות געהאט אויף כל הברואים וואס גאט האט באשאפין אונ האט זיך באזיך אזוי געטראכט וואס האט דיא ארעמע נאסטל מיר געטאן פאר וואס זאל איך זיא אום זיסט אום ברייננען ער בייגט זיך איין אונ בלאזט דיא נאסטל אויס דעם שפאלט ארויס זיא האט זיך אפשר דרייא מאל איבער גיקערט.

דיא קליינע נאסטל מיט איר קליין קעפעלע האט דעם גרויסען מענטש באקוקט פון קאפ ביז דיא פיס אונ שטעלט זיך אנידער אונ זיפצט אונ שרייט אוי דוא גרויסער שלעכטער מענטש וואס איז דיין גרייז דוא נארישעוואטער מענטש וואס האב איך אום שולדיגער ווארעם דיר אין מיין נאנץ לעבען פאר אשלעכטס געטאן האט מיך ניט דער גרויסער איינציגער גאט אזוי גוט באשאפען וויא דיך

וואַרעמט מיך נישט דיא ליבע זון אַזוי גוט וויא דיך פאַר וואס
האסטו מיך נעבעך פון מיין אָרט גערירט ווער איז מער צווישען
אונז ביידען דוא אָדער איך אויס דיר ווערט דאס נאך דיין טויט
וואס איך בין ביין לעבען איך פאַר קריך מיר אָבער אין מיין
ווינקעלע אונ לעב נאָר פון דעם וואס גאָט באַשערט מיר, אונ דוא
מענטש ווילסט תמיד נאך אונ נאך מערער.

איך בין נישט פויל אין דער אַרבעט טאג אונ נאכט, איך בין
קיין גנב קיין גזלען קיין באַטריגער נישט, דוא מענטש האסט קיין
מאל גענונג נישט דוא טוסט גאָט אונ לייט להכעיס ביי מיר איז
קיין חילוק ניסט, איך האָב אַלע מיינס גלייכין, ברידערליך ליב
דוא מענטש מאַכסט דיר אויסגליידליך דיין ברודער מיט דעם אום זיסט
איין שנאה נאך צוא טראגין, שלעכטער מענטש וואס ווילסט
דוא פון מיר האבין.

דיא נאַסטיל האט רעכט ווייל זיא האט קיין שכל ניט מיט
אירע קליינע איינגליך איין צוא קוקען אַז דער גוטער מענטש האט
דיך נאר מכוון געוועזען כדי זיא זאל לעבין בלייבען זיא האט
איבער דעם איר מזיל צוא ביינין געפינט, ווייל זיא פאר שטייט
ניט דיא אמעתע כוונה פון דעם גוטין מענטש.

ווען זיא זאל אָבער איבער לייגונג האבין וואלט זיא געוואוסט
אַז ווען דער מענטש האט זיא אַרויס געבלאָזין, דענסטמאלט האט
ער פאר איר לעבין געזאָרגט, אַזוי איז דער אומגילערטער מענטש
אויך, דורך זיין קליינעם שכל קען ער ניט פאַר שטיין וואס פאר
אטובות גאט טוט אן אים, איבער דעם קען דיא אמונה אן
בטחון ניט באַשטיין.

מיט ביינין אונ בוקין מיט דאנקען אונ לויבין מיט ליבשאפט
האט אַלטער לעב אַצונד ווידער זיין ליבען נאמען איבער גיבעטין
אונ האט אים ווידער צוא געזאגט מער ניסט צוא זינדיגען ער
האפט געשווינד אבבאנד פייער שנייד געשווינד אפ דאס אונטערסטע
פערטיל פון דעם לאמא שטעקט) עס אויף דער הילצערנע שפיז

מלוכה גרויסע שיינע ריינע אונ גרויס אזוא נאהענט וויא ער איז ביים טויט גיוועזין ביים ערד ציטערען ביים בארג וואס האט מיט פייער גישפיענען אונ ביים וואלקען בראך וויא נאט האט איהם אויס דער נויט וואונדערליך גיהאלפען האט ער דער פון זיך גילערינט צווייא זאכען . ערשטינס אז דער מענטש איז זיך תמיד אליין מעהר שונא אונ אז עס טרעפט זיך איהם איין אום גליק שטעלט ער זיך טויזינד מאל דאס אומגליק גרעסער פיר וויא עס איז אין אלעם אמת . אונ צווייטענס גאט ווייסט תמיד דעם טעם פאר וואס אונ אויף וועמען ער שיקט איין אומפאל אונ עס איז תמיד פון דעם מענטשינס טובה וועגין .

ט) אלטער לעב ווערט אמולער אטעפער אשניצער
אנארבער אשניידער אונ אפישר ער מאכט זיך אפייל
אונ ביינען אפאן אדער צייכען ער קלעהרט נאך .

אלטער לעב זאגט אזוי איז אז דר מענטש לערינט ניט אזוי וויא מיר גישעהען וואס איז דאס עס גייען ארום אגאנצע וועלט מענטשען וואס לאכען אונ שפעטען אויס אלע חכמות אונ מלאכות אין זייערע אויגען דאכט זיך זייא אז אלץ דינג קומט גרינג אן זייא האבען גאטס מעשים נאר נישט אין זינען אונ זיינען קיין מבינים נישט אויף דעם כח פון דער טבע וואס זיא ברייננט פאר איין זאך ארויס , איך בין אויך איינער פון זייא גיוועזין איך פלעג אויך תמיד צוא זאגין וואס טויג מיר צוא פאר שטיין צוא וואס נוצען דיא וויסען שאפט היינט זעה איך ערשט וויא אום גליקליך איך בין גיווארען וואלט איך נאר ניט גיוואוסט אז הייא מוז גאנץ טרוקין זיין איי מילייגט דיא שטערטע צו נויף וואלט איך דאס דער שרעקעניש אונ דיא פינצטערע ארבייט פאר שפארט . ווייסט גאט איך זאל איצונד קומען צווישען מענטשען וואלט איך מיך נאר אפ גיפרעגט צוא חכמים איך וואלט פאר זייא גישטאנדען וויא איין ארום מאן בייא דער טיר איך וואלט דעם דריטען טאג איין שטיקעל ברויט גיגעסען אונ צו גיהערט זייערע ווערטער זייערע חכמות ווארום דיא קלענסטע חכמה האט גאר קיין שאץ אונ קיין ענדע נישט איך זעה ערשט אז

איך בין איין בהמה אונ האב גאר איין צורה וויא אמענטש .

דיא מורא פאר ווילדע מענטשין איז איהם ווידער איין גיפאלען האט ער זיך גימאכט אפייל אבויגען צוא ווישען איין האלץ האט ער זיך אויס גיזוכט אגוט שטיק וואס עס איז גיוועזן קיילעכדיג אונ ווייך כדי עס זאל זיך קענען איין בייגען אונ ווידער צוריק שפרינגען וויא ער האט זיך גיזעצט צוא דער ארבייט האט ער גיקלאגט אונ גיוויינט נאך אמעסער , וואלט ער אין איין מינוט מעהר גישניצט וויא מיט זיין שטיינערנעם אין דרייא שעה , אבט טאג פון פריה מארגין ביז שפעט אין דער נאכט האט ער גיארבייט ארום דעם בויגין אונ ער האט גינומען איין אדער פון זיין לאמאס אונ האט דעם בויגין קונסטליך גישפאנט .

נאך אכלל, אזו גוט וויא דער מענטש מוז פלייסיג ארבייטין אזו גוט מוז ער זיך ווידער כח אונ קראפט זוכין , אלטער לעב האט נאך געוואלט לאמפין מאכען מיט חלב פון זיינע לאמאס זייא אן צוא גיסען כדי ער זאל ביי נאכט ליכט האבין אויך דאס האט ער זיך מיט גידולד גימאכט , אזוי וויא האט איהם דאס הארץ ווייא גיטאן אז ער האט גיזעהען אז דאס לייט נעמט איין אין זיך דאס גאנצע שמאלץ ער זאגט איין אנדער מענטש וואלט זיך שוין ניט מעהר אומגעקוקט אויף דער ארבייט נאר וייל איך בין מיט געדולד וויל איך נאך אמאל פרובען אפשר וועט מיר גיראטען איך זאל מיינע לאמפען גלייטען וויא אונזערע טעפערס דאס גיפעס, אזוא האט ער איין אויבין אין דער ערד גימאכט הייצט אים גוט דורך אונ וואס ער האט נאר געדארפט נייטיג צוא זיין ווירטשאפט טעפ לאמפען אונ פענדליך פאר רוקט אין אויבען אריין .

נוא ווער איז אין אים גלייך גיוועזין עס האט איהם גישט מער גיפעלט וויא מענטשען ער האט אזוא געבייגקט נאך מענטשען ער האט זיך שיר איין מעשה אן גיטאן , וויא ער איז נאר אין דער פריה ווידער אויף גישטאנען איז ער גילאפען צום ים זעהען אויב עס איז ניט דא אשיף אים צוא ראטעווען תמיד איז ער שטיין גיבליבען

גליך מען וואלט אים דעם קאפ אראפ גינומען ווייל ער האט קיין מענטשען פאר זיך נישט גיזעהען טויזענד מאל האט זיך אים נעבאך גידאכט אז שיפין קומען אן, און לייזען איהם אויס און טויזענד מאל האט ער גיזעהען אז ער באטריגט זיך אליין אז ער מאכט זיך אליין צום נאר האט ער זיך מיישב גיוועזין; צו פיל טאר זיך דער מענטש נישט צוא לאזען צום הארץ און האט זיך איבער גיגעבין נאר גאט אין דער האנד אריין ער זאל מיט איהם טאן וויא עס גיפעלט איהם. פון דעסטוועגען האט ער גינומען אהויכען בוים און דאס העמד מאכט ער אזוי וויא אפאן און ביים ים אריין גישטעקט פאר אצייכען אז ער איז דא פאר ווארפין גיווארען און אין: דעם בוים האט ער אויס גיקריצט אלטער לעב דאס פאר צווייגיגע קינד איז דא אויף דער וויסטער קענפע האט רחמנות און לייזט אים.אויס: וויא ער גייט אהיים האבין אים דיא ביזע פליגין וואס הייסין מאסקיטאס זייער שטארק גיביסען ווייל אויף דער קענפע איז זייער הייס זיינען דיא פליגען גיפטיג ביז און אזוי בייא דעם ווערט דאס ארט תיכף פאר שוואלען אלטער לעב איז שוין נאקיט גיגאנגען ווייל ער האט זיך שוין גאר אב גיריסען האט ער גיוויינט וויא אקליין קינד פאר ווייטיג פון דעם ביסען ער האט גענומט פאר נוט אשניידער ווערען און האט זיך גינומען פעל פון דיא לאמאס און האט זיך אויס גישניטין שיך זאקין הויזען זיין לייב צו דעקין שפענצער אהיטעל און אדעק טוך איבער'ן פנים וויא איין מושקארע וואס נאר דיא אויגין האבען ארויס גיזעהען אין אקורצער צייט האט אלטער לעב זייער קראנק גיפילט דער קאפ האט אים גיברענט וויא פייער דיא גלידער האבין אים גיבראכין דער קאלטער שוויים האט אים באגאסין. ער איז וויא פאר שטערט גיוועזין ער האט גימוזט ווידוי זאגין מיט ביטערע טרערין האט ער גיזאגט אוי ליבער גאט דער העער מיין גיבעט לאז מיין קלאגען פאר דיר קומען, ווענד נישט דיין פנים אוועק פון מיר, דער העער מיך ווייל עס איז מיר זייער אייננג זייער שלעכט ענטפער מיר ווייל איך בעט דיך וויא רויך פאר שוואונדען מייגע טעג דיא הויט קלעבט מיר שוין גאר איבער דיא ביינער. גרויסער גאט איך מוז פאר

דיר באקקענען אז עס איז אין מיר גיט דא קיין תורה קיין חכמה קיין צדקה קיין יושר אונ קיין גמילות חסד ווייא צוא מיינע יונגע יאהר מיט וואס וועל איך פאר דיר קומען וואס בין איך וואס איז מיין לעבין אין דיינע הענד גיב איך דיר איבער מיין נשמה, ווייא ווייא וואס איז גאר דער מענטש וואס טויג אייך גדלות אונ גאוה.

דער אטום איז אים אויס גיגאנגען דאס הארץ האט אים גיקלעמט ער האט דיא אויגין פאר גלאצט דאס מויל האט איהם גישוימט נאך אמאל האט ער זיינע אויגען גיעפינט דאס הארץ האט אים גיבראכין ער זעהט זיינע לאמאס ווייל זייא זיינען טרויעריג גישטאנען גלייך זייא וואלטין פאר איהם אונ זיין לעבין גאט גיבעטען ער שטרעקט זיך אויס, זיפצט זייער שווער קרעכצט פאר קרימט דעם קאפ אונ בלייבט ליגען וויא טויט.

## ענדע דאס ערשטע טהייל